STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02922

POEMES

Abraham Shanok

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם שיינוק

פּאָעמעס

COPYRIGHT 1969 BY
JESSE, PEARL AND VICTOR SHANOK

אברהם שײַנוק

פּאָעמעס

פּאַריז — ניו־יאָרק — 1969

הילע און צייכענונגען
פון מאַרעק רודניצקי



אברהם שיינוק

אברהם שיינוק

אברהם שיינוק איז געבוירן געוואָרן אין מיכאַלישאָק, לעבן ווילנע, דעם 12־טן יולי, 1887. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1903. דאָ האָט ער שטודירט פריער מעדיצין און שפּעטער אינזשינעריי אין קאָרנעל־אוניווערסיטעט. ער איז געשטאָרבן דעם 4־טן מאַי, 1966.

די לידער און די דערציילונגען, וואָס ווערן געדרוקט אין דער זאַמלונג, האָט אברהם שיינוק געשריבן אין משך פון די יאָרן 1906־1917. די מערסטע זיינען געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט" און אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", אָפט אונטערן פּסעוודאָנים בן־צבי.

דער אָטעם פון מיכאַלישאָק (120 שטיבלעך) — קליין, אָרעם, רואיק, צוריקגעשטאַנען, אָבער היימיש און אייגן, ווי אַלע יידישע שטעטלעך, און פון ניו־יאָרק — גרויס, פרעמד, דערשרעקנדיק, איינזאַם — דער אָטעם פון אָט די צוויי ערטער, אַזוי שרעקלעך ווייט איינס פון אַנדערן, פילט אָן אַלע לידער פון יונגן דיכטער. פון איין זייט שפּירט זיך די בענקעניש נאָך דער רואיקייט און דער זיכערקייט פון די קינדער־יאָרן, פון דער צווייטער זייט — די מורא פאַר דער גרויסשטאָט און דאָס געפיל פון פאַרלוירנקייט און אָפּפרעמדונג.

אברהם שיינוקס לידער זיינען דורכויס אונטערן איינפלוס

און אין איינקלאַנג מיט דער יידישער דיכטונג פון דער צייט. סיי די נאָסטאַלגיע נאָך דער אַלטער היים, סיי דאָס געפיל פון סאָציאַלן פּראָטעסט און דאָס געוואַלט־געשריי קעגן דער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן דעם מענטשן, זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער פּאָעזיע פון דער צייט.

אָבער אַ. שיינוקס טאָן איז אַן אייגנאַרטיקער: אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער, אָפט אַ שפּילעוודיקער, אַלעמאָל אַ לירישער. אַלץ וואָס ער לעבט דורך, דאָס געזעלשאַפטלעכע ווי דאָס פּערזענלעכע, באַזינגט ער — סענסיטיוו און אָרנט־לעך, אָפט מיט אַ קלוג־טרויעריקן חוש פאַר הומאָר. אָט דער שטילער הומאָר — אַ געמיש פון חכמה, ליבע צום מענטשן און קלוגער רעזיגנאַציע, די פעאיקייט צו זען דאָס לאַכעדיקע, אפילו דאָס לעכערלעכע, אין דעם ערנסטן, אָפט טראַגישן, אין לעבן — איז געווען אַ שטריך וואָס אברהם שיינוק האָט פאַרהיט אין זיך אַלע זיינע יאָרן.

צוזאַמען מיט דעם הומאָר פילט זיך אָפט אַ זעלטענע סענסיטיווקייט און דינקייט, ווי אין דער פאַרצייכענונג „מיין מוטער”.

אברהם שיינוק איז אַלע זיינע יאָרן, אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהערט שרייבן, געבליבן וווּנדערלעך פאַר־ליבט אין יידישן וואָרט, און זעלטן איבערגעגעבן צו דער יידישער קולטור, וועלכער ער האָט שטיל און געטריי גע־האָלפן און געדינט. באַשיידנקייט און ברייטהאַרציקייט זיינען

געוועזן סיי פּערזענלעכע און סיי געזעלשאַפטלעכע מידות זיינע.

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן פון אברהם שיינוקס קינדער ווי אַן אויסדרוק פון ליבע צום אָנדענק פון זייער פאָטער, ווי אַ באַשיידענער מאָנומענט צו אַ ווונדערלעכן פאָלקס־מענטש און אַ סענסיטיוון דיכטער.

איטשע גאָלדבערג.

א

אותעלעך

צוויי און צוואַנציק אותעלעך —
אַלפֿלעך און ביתעלעך,
טייערינקע מיר.
מיט אַ צויבער־שטעקעלע,
מיט אַ כשוף־פֿלעקעלע
טו איך נאָר אַ ריר, —

שטעלט איר זיך אין ציילכעלעך,
עפֿנט איר אויף מײַלכעלעך
רעדט איר אַזוי קלאָר...
אַלפֿלעך און ביתעלעך
דערציילן שיינע מעשהלעך
פֿון פּאַר טויזענט יאָר.
פֿון פּאַר טויזנט יאָר.

זיגזאַג

זיגזאַגט דורך אַ בליץ אין נעפּל
און אַ דונער הילכיק שאַלט,
קאָרטשעט זיך אַ דעמב אין צווייען,
ווי אַ שפּלינטער זיך צעפּאַלט.

בליצט אויף אַ געדאַנק ביים דיכטער,
הילכט אין לופט זיין שטורמיש ליד,
ערגעץ ווערט אַ האַרץ צעריסן
און פאַראומערט אַ געמיט.

אונדזערע לידער...

אונדזערע לידער און געמיטער
בייטן אום זיך מיטן וועטער.
יידישע, טריבע, אומעטיקע לידער,
ווען עס פאַלן געלע בלעטער.

ווען מיט וואָלקנס גרויע שווערע
ווערט דער הימל דיק פאַרצויגן,
ווערט דאָס האַרץ פול מרה־שחורה,
און עס וויינען טריבע אויגן.

ווערן הימלען לויטער קלאָרע
און די וועלט מיט ליכט פאַרגאָסן,
דאַן אַנטלויפן שוואַרצע קראָען
און דער טרערן־קוואַל געשלאָסן...

קומט דער זומער פול מיט ליבע,
אַלץ באַגרינט ווערט און באַבלעטערט,
דאַן פאַרשווינדן לידער טריבע,
און די וועלט ווערט דאַן פאַרגעטערט...

די נאַכט און דער דיכטער

ס׳האַלט די נאַכט די אויגן אָפן,
אויך איר דיכטער קען ניט שלאָפן,
וואָס האָטביידן זיי געטראָפן?

די נאַכט, זי טראָגט אַ שוואַרצן שלייער,
איז געשטאָרבן איר געטרייער?

עס זיצט דער דיכטער אַ באַטריבטער,
בענקט ער שטאַרק נאָך זיין געליבטער?

ביידע קענען זיי ניט שלאָפן,
ביידנס אויגן זיינען אָפן,
ביידע וואַרטן זיי און האָפן...

אַ ליד

פון יאוש ווילסט אַנטרינען.
אַנטלויפן ווילסטו פון דיין פּיין,
אומזיסט, מיין ברודער, איז דיין מי,
זיי ווערן דיך געפינען.

ווי רייטער לויפן זיי פאָרויס
און היטן ווו דו קערסט זיך.
און ווו דו קומסט, געפינסטו זיי,
ס'איז נוצלאָז, וואָס דו ווערסט זיך.

ניטאָ אַן אָרט אַזאַ אויף דר'ערד,
ווו דו זאָלסט זיי אויסמיידן,
זיי זיינען קינדער פון דיין האַרץ —
דאָס זיינען דיינע ליידן.

אַ תּפֿילה

איך דאַנק דיר, גאָט אַלמעכטיקער,
און טו דיין נאָמען לויבן,
וואָס דו האָסט מיך באַרימט געמאַכט —
צו דיכטערטום דערהויבן.

און האָסטו מיך שוין, גוטער גאָט,
געמאַכט באַרימט, אומשטערבלעך,
טאָ גיב מיר אויך (איך וויס דו קענסט)
אַ הונדערט טויזנט קערבלעך.

צו אַ פֿאַבל־שרייבער

דיינע פֿאַבלען מאַכן קליגער,
מיינע לידער — הערצער ווייכער.
וואָלט די וועלט אונדזביידן לייענען,
בלייבט פֿון דומהייט ניט קיין זכר...

און דאָס רשעות וואָלט פֿאַרשווונדן,
זיין די וועלט וואָלט אַ גן־עדן.
נאָר צום טייוול, אויף צו להכעיס,
וויל מען אונדז ניט לייענען ביידן.

די פּרעגסט

די פּרעגסט צו וואָס אַ פּסעוודאָנים,
אַ נאָמען אַ פֿאַרשטעלטן,
ווען שיין מיין ליד איז סיי־ווי־סיי,
און לייענט זיך אַזוי זעלטן.

צי איז מיין יחוס ניט פֿאַרפֿלעקט,
איך טו דערפֿאַר זיך שעמען.
און אויף מיין דיכטונג־קונסט מוז איך
באַנוצן פֿרעמדע נעמען.

אַ טעות מאַכסטו, ליבער פֿריינט,
דאָס איז ניט צוליב שאַנדע:
דאָס איז צוליב בעל־חובות גאָר,
וואָס זוכן מיך, אַ באַנדע...

עס האָט...

עס איז אין מיין האַרצן אַ בלום לאַנג געוואַקסן,
דאָך האָט זי קיינמאָל ניט געבליט.
עס האָבן געפילן מיין האַרץ מיר צעריסן,
דאָך קיינמאָל באַשאַפן קיין ליד.

געפעלט האָבן שטראַלן, די בלום זאָל דאָרט בליען,
פאַרוויאַנעט האָט שטענדיק די קווייט,
געפעלט האָט אַ ליבסטע פאַר וועמען צו זינגען —
האָט דאָס מיינע לידער געטויט.

ליד

און עס דוכט מיר אַז דער הימל
איז דער שפּיגל פון דער ערד,
און עס זעט זיך דאָרטן אַלצדינג,
אַלצדינג ווערט דאָרטן געהערט.

פון דעם בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן
ווערט אַ טונקל־רויטער פלעק,
און די וואָלקנס און די כמאַרעס
דריקן אויס מיט זיך די שרעק.

און דאָסליידן פון דער מענטשהייט,
און פון לעבנס יאָמער־טאָל
שפּיגלט אָפּ זיך דאָרט אין הימל,
אין סימנים פיל אָן צאָל.

און עס שטייען פרעמדע דאָרטן
און באַטראַכטן אונדז מיט שפּאָט,
פרעמדע שטערן, פרעמדע זונען,
און דערציילן אַלץ צו גאָט.

און עס דוכט מיר, אַז דער הימל
איז דער שפּיגל פון דער ערד,
און איך שעם זיך דאָרט צו קוקן,
ווייל עס ווערט דאָרט אַלץ געהערט.

מײַן מוזע

מײַן מוזע איז אַ טויבע,
זי הערט ניט װאָס איך רייד,
כ׳בעט איר: זינג פֿון בלומען,
זינגט זי מיר פֿון נויט.

כ׳בעט איר: זינג פֿון ליבע,
פֿון הערלעכקייט און פּראַכט —
זינגט זי מיר פֿון חושך,
פֿון אַ שוואַרצער נאַכט.

ווער איך אויפגערעגט דאַן,
און שריי אויס אויפן קול:
מוזע, ניט פֿאַרראַט מיך,
טו צוליב אַ מאָל!

טוט זי דאַן אַ זיפֿץ גאָר,
פֿאַרגייט זיך אין געוויין.
מוזע, נעם איך שטאַמלען,
און וויין דאַן אויך אַליין.

צו דער מעלאַנכאָליע

אַוועק, מעלאַנכאָליע, פאַרצי ניט
מיט נעפּל מיט גרויען די שויבן,
פאַרוואַנדל ניט אין ראָבן, אין שוואַרצע,
די מילך־ווייסע טויבן.

מיין צימער ניט פיל אָן מיט טרויער,
מיין האַרץ מיט קיין אימה־געפילן,
און זאָלן די סטרונעס ווי פריער
קיין טויטן־ניגונים ניט שפּילן

און זאָלן פאַרשווינדן די ספקות,
וואָס ליגן ווי גייסטער באַהאַלטן,
און אַלע און אַלע ניט־גוטע,
וואָס לויערן אַרויס פון די שפּאַלטן.

און וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך אויסלעשן
אין הימל דער לעצטער שוין שטערן,
ביז ס׳וועט זיך מיין ליכטל צעשמעלצן,
און איך וועל ניט קענען זיך ווערן.

אַוועק, מעלאַנכאָליע, איר גייסטער,
ניט דרינגט אין מיין האַרצן דעם קראַנקן,
עס לעשט זיך דאָס ליכטל און לעשט זיך,
עס צאַנקען די שטערן און צאַנקען.

ב

אויף דיין האַרצן...

אויף דיין האַרצן בליִען רויזן,
פרישע בלומען אַלע סאָרטן.
קלער איך אַז דו ביסט דער פרילינג
און דיין האַרץ אַ בלומען־גאָרטן.

וואָלט איך וועלן זיך פאַרדינען,
זיין דער וועכטער פון דיין גאָרטן,
און ווי אַ געטרייער שומר
אייביק, אייביק וואַכן דאָרטן.

פון די פרישע רויזן־בלעטער
כ׳וואָלט אַ וועכטער־ביידל מאַכן,
טעג און נעכט וואָלט איך די בלומען
פון דיין גאָרטן־האַרץ באַוואַכן.

אומדערוואַרט

אומדערוואַרט, זיך היינט באַגעגנט.
ניט באַגריסט זיך, ניט געזעגנט,

בלויז נאָר בליקן, בליקן טריבע
פון אַ לאַנג־פאַרגעסענער ליבע.

און ווי פריער, ס׳איז קיין וווּנדער,
יעדער איז אַוועק באַזונדער.

ניט באַגריסט זיך, ניט געזעגנט —
מאַלע וועמען מען באַגעגנט.

דאָך איןביידנס אויגן טרערן.
אומבאַגרייפלעך צו דערקלערן.

קאָנקורענץ...

איך אים „דו״,
ער מיר „איר״.
אים איז צוואַנציק,
מיר פערציק פיר.
קריגן מיר זיך
צוליב איר.

שריי איך צוציק,
ווערט ער פרעך,
הייסט ער קעמען
מיר דעם פליך.
און אַזעלכע נאָך
ווערטער שאַרפע
וואָס ברענען מיר
ווי שטעך...

ווער איך אויפגערעגט:
יונגאַטש!
וויל פאַרפאָרן אים
אַ פּאַטש.
שרייט ער אונטער:
דו פאַרטאַטש!...

איז מיין פּנים
גרין און בלאָ...

און עס טוט מיר
ווי אָט דאָ...
און פון איר,
פון מיין מיידל,
איז קיין זכר
מער ניטאָ.

ליבע לשון

פון דעם שיינעם יידיש־לשון
קען מיין ליבסטע ניט קיין סך:
קום איך טעגלעך אין איר צימער
לערנען איר די ליבע שפּראַך.

קוקט זי אויף די ליפּן מיינע
און באַנעמט דאָס אַזוי שנעל,
חזרט זי די ווערטער איבער
פּינקטלעך ריכטיק אויפן שטעל.

און אַזוי אַלע קום איך טעגלעך,
קען זי ווערטער שוין אַ סך.
און מיר ביידע זיך פאַרשטייען,
טרוימען אין דער ליבער שפּראַך.

[„דער גרויסער קונדעס״ — מאַי 21, 1920]

ווען איך קום...

ווען איך קום צו מיין געליבטער,
טראָג איך אין מיין לאַץ אַ בלום.
מיין געליבטע בויגט איר קאָפּ איין,
זאַפּט זיך אָן מיט דעם פּאַרפום.

און ווען זי שטייט אַזוי געבויגן,
נוץ איך אויס דאַן דעם מאָמענט,
איך קוש איר קאָפּ דאַן און איר נאַקן
און זי לויפט אַוועק פאַרשעמט.

יוגנט

יוגנט ווייס ניט פון געבאָטן,
וואָס מען טאָר ניט, וואָס מען מעג.
ווי אַן אָדלער אין דער לופטן
שניידט דורך יוגנט פריי איר וועג.

יוגנטס האַרץ — אים וואָס שטורעמט,
ווען עס שוועלט אַרויס זיין פלוט.
פון וועזוויוס פייער לאַוואַ
איז נאָך הייסער יוגנטס־בלוט.

שטראָף ניט, ליבער גאָט, די יוגנט,
צאַם מיט דערנער ניט איר וועג.
יוגנט ווייס ניט וואָס מען טאָר ניט,
יוגנט ווייס נאָר וואָס מען מעג.

קען איך...

קען איך אַ שיין מיידעלע,
איך ליב זי אָן אַ שיעור,
האָב איך אָבער קיינעם ניט
וואָס זאָל דאָס זאָגן איר.

טרעף איך זי, פאַרשעם איך זיך,
ווערט מיין פּנים רויט
און גיי אַוועק אַן עלנטער,
ניט־געזאָגטערהייט.

קען איך אַ שיין מיידעלע,
זי ליבט מיך אָן אַ שיעור,
האָט זי אָבער קיינעם נישט
וואָס זאָל דאָס זאָגן מיר.

טרעפט זי מיך, פאַרשעמט זי זיך,
ווערט איר פּנים רויט,
און ביטערלעך צעוויינט זי זיך,
ניט־געזאָגטערהייט.

בענקען צוויי נשמהלעך
און ליבן זיך ביז טויט,
אוןליידן ביידע שוויייגנדיק,
ניט־געזאָגטערהייט.

דער אייביקער דועט

דאָרט ווו ליבע זינגט איר מזמור,
קומט אַ שלאַנג און העלפט איר מיט.
ליבע זינגט איר געטלעך לידל,
אײפּערזוכט איר טויטן ליד.

ליבעס ליד איז צאַרט און אײדל,
ס׳איז אַ הימלישער געזאַנג,
ס׳בלוטיקט שרעקלעך אינעם האַרצן,
ווען עס זינגט איר ליד די שלאַנג.

און דאָך זינגען זיי צוזאַמען —
עס איז אַן אייביקער דועט,
הויבט די ליבע נאָר אָן זינגען,
קומט די שלאַנג און העלפט איר מיט.

וויינט מיין געליבטע...

שטענדיק וויינט זי, מיין געליבטע,
שטענדיק ליידט זי אין דער שטיל,
און דאָך קען איך קיינמאָל וויסן,
קיינמאָל זאָגן וואָס זי וויל.

וויל איך פרעגן מיין געליבטע:
אפשר ליבט זי מיך ניט מער?
וויינט זי דאַן נאָך שטאַרקער, שטאַרקער,
ס׳קומט איר צו דאַן נאָך אַ טרער.

ווער איך דאַן נאָך מער פאַרצווייפלט,
כ׳ווייס ניט וואָס באַדייט איר טרער:
אפשר ליבט זי מיך ניט טאַקע,
נאָר צו זאָגן איז איר שווער?

הייב איך אָן אַליין צו וויינען,
וויל אַוועק גיין שוין פון איר,
נעמט זי בעטן מיך תחנונים,
ניט פאַרלאָזן זאָל איך איר!

און אַזוי נאָר שטענדיק, שטענדיק,
וויינט און ליידט זי אין דער שטיל.
און איך ווייס ניט און פאַרשטיי ניט,
און באַגרייף ניט וואָס זי וויל.

מאַן און ווייב

.1

זיצן מאַן און ווייב ביים טיש,
אָנגעברוגזט שטיל,
ווי עס פּאַסט זיך נאָך אַ קריג
אין אַ ברוגז־שפּיל.

זיצט דער מאַן אין וואָלקנס רויך,
בייסט זיין ליפּ און וואָרט.
„ריידן אָנהייבן מוז זי״ —
איז זי איינגעשפּאַרט.

נאָכגעבן וועט ער היינט ניט,
מעג זיך זיין כאָטש וואָס.
ער שלינגט דעם רויך, דער טאַבאַק גליט,
און לאָזט אים דורכן נאָז.

און דאָס ווייב אין צייטונג קוקט,
אויסגעדרייט צום טיר,
לייענט, לייענט, נאָר ווייסט ניט וואָס,
עס שווינדלט דאָס פּאַפּיר.

נקמה־דורשט רעגט אויף זיין האַרץ
און פּרעסט אים זיין געדאַנק —

געוואָלט זי אָנלערנען האָט ער,
ביז וויטיק טאָן איר באַנג.

און שאַ, ער האָט אַ ווילן פּלאַן,
ניט העלפן וועט געוויין:
שלאָפן וועט ער היינט אין קיך,
און שלאָפן גאַנץ אַליין.

און דאָס אַליין גענוג וועט זיין,
צו ברעכן היינט איר שטאָלץ,
אין אמתן, איין וואָרט פון איר
און ער פאַרגיט איר אַלץ.

און דאָ דערמאָנט ער זיך אַ זאַץ
וואָס אין תלמוד איז פאַראַן:
„ס׳באַגערט דער מאַנצביל שטאַרק אַ פרוי,
און זי — נאָך מער אַ מאַן״.

ער הויבט זיך אויף פון טיש באַגליקט.
ווי זיס נקמה איז!
ער וועט זי אָנלערנען אַצינד
און בלויז פאַר איר קאַפּריז.

עס קומט די נאַכט, דאָס בעט איז גרייט,
דאָך פעסט איז זיין געדאַנק.
ער בלייבט אין קיך ניט אויסגעטאָן
און לייגט זיך אויפן באַנק...

.2

די באַנק איז האַרט, די באַנק איז קאַלט —
דאָך זיכער איז זיין זיג.
ער פילט זיך שטאָלץ, ער מוז זיין בראַוו,
און זי פאַרשפּילט דעם קריג.

ער ליגט אַ שעה, ער ליגט שוין צוויי,
ער ליגט און האָרכט און וואַרט.
„זאָל זיין זי שלאָפט? זי רופט אים ניט,
אָט דאָס הייסט איינגעשפּאַרט!"

ער וואַרפט זיך אום אַהין־אַהער,
אים ברעכט שוין רוק־און־ביין,
נאָר אונטערגעבן זיך דאָס ניט —
ביז זי קומט ניט צו גיין.

און פּלוצלונג הערט ער שוין אַ סקריפּ,
דאָס רירט זי זיך פון בעט.
אים דוכט זיך, אַז זי קומט אָט באַלד —
אויף דעם וואָלט ער געוועט.

ער הערט זיך צו, ער בליקט אַהין,
דער אָטעם בלייבט אים שטיל, —
ער ליגט געקנוילט, ער ציטערט אַזש:
אַהאַ! דערגרייכט זיין ציל!

ער מאַכט די אויגן צו דאַן פעסט,
זי גייט פון בעט אַראָפּ,

אָט קומט זי באַלד און קושט אים הייס
און גלעט אים האַרט זיין קאָפּ.

ער דריקט זי צו זיין האַרצן פעסט
און פילט איר גליאיק לייב.
ער קושט איר ליפּ און שעפּטשעט שטיל:
— איך האָב דיך ליב, מיין ווייב.

נאָר דאָס האָט בלויז געדוכט זיך אים,
אַ שפּיצל פון געדאַנק.
ער האָרכט זיך איין, אַרום איז שטיל
און ער ליגט אויפן באַנק.

די באַנק איז האַרט, דאָס ווייב זיינס שלאָפט,
אין דרויסן איז שוין שפּעט.
ער קרעכצט און אָכצט, ער האַלט ניט אויס
און שאַרט זיך שטיל צום בעט...

די פרוי איז צאַרט, דער מאַן איז בראַוו.
דאָס איז פון לאַנג אַזוי.
דער מאַן באַזיגן קען אַ וועלט —
דאָך קיינמאָל ניט די פרוי.

אַרוים איז זי פון זיין געדאַנק...

נאָר ווען ער האָט זיין גאָלד פאַרשוועגדט,
געבליבן איז זיין האַרץ שוין פוסט,
האָט ער אָן איר דערמאָנט זיך דאַן,
איר האַרץ האָט זיך אים דאַן פאַרגלוסט,

אַוועק איז ער דאַן צו זיין שראַנק,
און לאַנג, אָ לאַנג האָט ער געזוכט.

ער האָט מיט גאָלד איר האַרץ געקויפט,
און האָט פאַרשלאָסן עס אין שראַנק,
און לאַנג געלעגן איז עס דאָרט.
נאָר פאַרשווונדן איז איר האַרץ געווען —
געוויינט האָט ער דאַן און געפלוכט.

אַ בריוועלע...

ס׳איז קורצליך מיין בריוול,
געליבטע, צו דיר,
דו מוזט מיר פֿאַרגעבן,
אַנטשולדיקן מיר.

איך האָב דיר צו שרייבן
געהאַט זייער פיל,
באַשרייבן די צרות
וואָס פייניקן שטיל,

באַשרייבן דעם שאַפּ דיר,
דעם באָס, די מאַשין,
ווו שטענדיק איך פינסטער,
אָן לעבן, אָן זין,

און טרייב אַלץ דאָס רעדל,
די נאָדל זי פליט.
מיין בלוט ווערט פֿאַרגליווערט,
איך ווער אַזוי מיד.

און ס׳טרעפט איך פֿאַרטראַכט זיך,
אַמאָל וועגן דיר,
דאַן הער איך שוין קולות:
וואָס חלומט זיך דיר!

אַזוי אָט, געליבטע,
ניטאָ אַלץ קיין צייט...
איך קירץ איצט, מיין בריוול,
מיר דוכט זיך, מען שרייט.

לילית

לילית פאָרויס איז געגאַנגען,
און איך, איר נאַכטיקער שאָטן,
האָב שטיל ווי אַ גייסט פון אַ זינדער
איר יעטוועדן פוס־שטעל באַטראָטן.

און שפּעט אין דער נאַכט אין אַ געסל,
אויף טרעפּ אין אַ צימער אַ קויטיקס.
דאָרט האָט מיך די קליפּה געפאַנגען
אויף אייביק מיין אומשולד געטויט מיר.

איך גיי אום פון דאַן אָן אַ קראַנקער,
מיט טויטע געפילן אין האַרצן.
און שאָטנס פאַרפאָלגן מיך שטענדיק,
ווי אומשולד — אבלים אין שוואַרצן.

טעג

מאָנטיק, דינסטיק, אַזוי ווייטער —
טעג פון פיר־און־צוואַנציק שטונדן,
ענלעך איינער אויפן צווייטן
דורך דעם גאַנצן יאָר דעם רונדן.

האָט איר טעג שוין מיר דערעסן,
מאָנטאָג ביז צום צווייפל.
אַלע, אַלע איינס דאָס זעלבע,
אַלע איין שוואַרץ יאָר, איין טייוול.

וואָלט איר זיין פאַרשידנאַרטיק,
וואָלט מיר דאַן אַזוי ניט אַרן,
ווי אַ קינד אויף שפּילצייג נייע
וואָלט איך אויף די מאָרגנס האַרן...

[„דער גרויסער קונדעס" — נאָוועמבער 12, 1920]

עלנט

ס׳האָט מיך געצערטלט אין וויגל די מאַמע,
געגלעט און געקושט מיך, איר איינציק קינד.
צום האַרצן פלעגט זי מיך דריקן און האַלזן,
געפילט האָב איך דאַן ווי זי אָטעמט געשווינד...

ווען איך פלעג נאָר וויינען און כליפּען אָנפאַנגען,
האָט זי שוין, מיין מאַמע, פאַרשטאַנען, געוווּסט,
אַז זי קען מיין וויינען און כליפּען איינשטילן
מיט דעם וואָס זי וועט מיר צודריקן צו איר ברוסט.

אָט אַזוי האָט מיך געצערטלט מיין גוטינקע מאַמע,
ביז ענדלעך ס׳איז געקומען צו דעם אויך אַן ענד,
אַ צווייטן צו צערטלען האָט זי שוין געקראָגן,
אַ צווייטער ט׳פאַרנומען מיין מאַמעלעס הענט.

און שפּעטער האָט מיך געצערטלט אַ צווייטע,
אַ יונגינקע ראָזע, אַ מיידעלע שיין.
האָב איך דאַן פאַרגעסן מיין גוטינקע מאַמע,
וואָס האָט מיך געצערטלט ווען געווען בין איך קליין.

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט גענומען איר צערטלען,
זי האָט אויף אַ צווייטן פאַרביטן דאַן מיך.
מיך האָט זי פאַרלאָזן און אַזוי בין איך עלנט
געבליבן, און קיינער וויל זאָרגן און דאגהן פאַר מיר...

איצט צערטלט מיך קיינער, ניטאָ איצט קיין מאַמע,
ניטאָ איצט קיין ראָזע, קיין יונגינקע שיין,
איך בין איצט גאַנץ עלנט, ס׳אַרט פאַר מיר קיינעם —
ס׳אַרט פאַר מיר קיינעם, דאַרום זיץ איך און וויין.

[„פרייע אַרבייטער שטימע״ — אויגוסט 11, 1906]

די נאַכט

די נאַכט אַ פּאַרפּוצטע אין גאָלד און בריליאַנטן
קוקט פון דעם הימל פּאַרחלומט אַראָפּ,
אַ בחור, אַ מיידל — צוויי יונגע פאַרליבטע
זיך זיצן אין גאָרטן פאַרריסן דעם קאָפּ.

די נאַכט און דער בחור און מיידל פאַרבענקטע —
עס טרעפן זיך בליקן פון הימל און ערד..
דער בחור פאַרציט שטיל אַ שיינע נאָקטורנע,
פון הימל, פון שטערן ווערט שירה געהערט.

דער מזרח נעמט גראָען, די נאַכט אַ בלייך מידע
פאַרשווינדט ווי דורך צויבער אין הימלשן רויך.
דער בחור און מיידל פאַרשווינדן פון גאָרטן,
דורך גרינע אַלייען און בלומען — אַהיים...

נ

פֿראָסטער ליים

פֿראָסטער ליים און פֿראָסטער ציגל
איז דער חומר, איז דער גוף,
די נשמה זי האָט פֿליגל
רייסט זיך אייביק אַרויף.

גייט אָן שטענדיק די מלחמה
צווישן גייסט און צווישן גוף
גרייכט דעם הימל ניט נשמה

(ניט פֿאַרענדיקט — איבער דער צווייטער שורה פֿון צווייטן פּערז איז געווען צוגעשריבן „צווישן חומר און דעם גייסט”).

פאַנטאַזיע

(געווידמעט א. א.)

ווען איך וואַך אויף אין פרימאָרגן,
בליקט צו מיר אין פענצטער,
פון דעם מזרחס שענסטן פּאַלאַץ,
אַ גינגאָלדענע פּרינצעסן.

און פאַרוואַנדלט ווערט מיין צימער
דורך דעם מזרחס וווּנדער כשוף,
אין אַ פּרעכטיק־גאָלדענעם פּאַלאַץ
פול מיט צויבער און מיט גלאַנץ.

און מיין בעטל און מיין צודעק,
און מיין אָרעמער, קליינער קישן
ווערן דורכגעוועבט מיט פעדים
פון דעם מזרחס ריינסטן גאָלד.

און ווי אַ פּרינץ פון שיינעם מזרח
ליג איך, אָטעם איין פאַרפיומען,
פון דעם מאָרגענעם פרישן זעפיר,
בליק צום בלויען הימל.

כ׳טו אָן שנעל מיין גאָלדענעם אַנצוג,
זעץ זיך ביי מיין גאָלדענעם טישל,
נעם אין האַנט מיין גאָלדענע פעדער
שרייב אַ בריוו מיט גאָלדענער טינט.

שרייב מיין געטין זי זאָל קומען
צו איר גאָלדענעם פּרינץ אין פּאַלאַץ,
זי זאָל קומען, ניט פאַרזאַמען,
אין איר גאָלד געשטריקטן קלייד.

כ׳שטייג אַרונטער גאָלדענע טרעפּ
און גיי צו מיינע טייערע, ליבע
ברידער, שוועסטער, טאַטע־מאַמע,
צו באַגריסן זיי: „גוט מאָרגן״...

כ׳קוש זיי יעטוועדן באַזונדער,
זייער קינד דער פּרינץ פון מזרח,
און ער טרייסט זיי, און דערמוטיקט
און עס טריפן גאָלדענע טרערן.

[בן־צבי, „פ. א. שט.״ — פעברואַר, 1912]

דער פויגל

ס׳איז גוט צו זיין אַ פויגל
און זיצן אויף די צווייגן —
ווילסטו — קאָנסטו זינגען,
ווילסטו — קאָנסטו שווייגן.

ווילסטו — קאָנסטו פליען,
גרייכן ווייטע הויכן —
און די העכסטע ספערן —
אין דיין פלי דערגרייכן.

ווילסטו — קאָנסטו פליען
איבער ווייטע ים׳ען
קיינער וועט ניט ווערן,
קיינער וועט ניט צאַמען.

ס׳איז גוט צו זיין אַ פויגל
און זיצן אין די צווייגן —
ווילסטו — קאָנסטו זינגען,
און ווילסטו — קאָנסטו שווייגן.

פון אַלע ליבע

פון אַלע ליבע זיסע טרוימען
שטייט מיר איינער פאַר די אויגן,
י ו ג נ ט הייסט ער יענער חלום,
נאָר ער איז שוין ווייט פאַרפלויגן.

ווייט פאַרפלויגן, לאַנג פאַרשוואונדן
ערגעץ הינטער בערג און טאָלן.
און אומזיסט איז מיין שטאַרק בענקען —
קיינמאָל מער שוין זיין צוזאַמען.

מער שוין קיינמאָל זיין צוזאַמען,
ווייל איך קען דאָס ניט געפינען.
און דערמאָן זיך — דאַן פיל איך
ווי עס מישט זיך מיר אין זינען.

[בן־צבי — 1912]

איך זאָג ניט

איך זאָג ניט, אַז די וועלט איז שלעכט
און דאָס לעבן ז'מיאוס —
אַ טראָפּעלע נאָר זונענשיין
און איך שריי אויס: „אַ חיות".

און זונענשיין איז דאָ גענוג,
פֿאַר אַלעמען וואָלט קלעקן.
נאָר וואָלקנס שווערע, פֿינסטערע
זיי טוען עס פֿאַרדעקן.

וואָלט גאָט געשיקט אַ ווינטעלע,
די וואָלקנס צו פֿאַרטרייבן,
וואָלט איך אַן אייביק פֿריילעכער
און גליקלעכער פֿאַרבלייבן.

איר האָט

איר האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט,
אַזוי פיל מיך גענאַרט,
און איך, אַ יינגל נאַרישער,
געגלויבט האָב און געוואַרט.

געגלויבט אין אייער האַרציקייט,
אַז איר באַפרייט די וועלט,
דאָס טייערסטע געגעבן אייך
מיין יוגנט און מיין געלט.

און איצטער, אַ באַטראָגענער,
מיט בליקן טריב און שטום,
אַ קראַנקער און פאַרלאָזענער
שלעפּ איך זיך אַרום.

איך גלויב ניט מער און האָף ניט מער,
אומזיסט האָב איך געוואַרט.
איר האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט,
אַזוי פיל מיך גענאַרט.

האַרץ און בלומען...

ווי צוויי ציילן קברים זעען אויס
מיינע בלומען בייטן.
ס׳רוט אויף זיי דער קאַלטער שניי,
ס׳וויל דער פראָסט זיי טויטן.

דאָך אונטן קלאַפּט דאָס בלומען האַרץ,
עס איז דער שניי צערונען.
בלומען לעבן פון דאָס ניי
רויטלען זיך און גרינען.

זונען שטראַלן גאָלדענע
באַגריסן דאָס דערוואַכן.
שטראַלן בלומען קושן זיך
שטיפעריש און לאַכן.

....

ציילן, ציילן קברימלעך
אויפן טויטן גאָרטן.
ערגעץ ווו אַן איינזאַמער
וועל איך ליגן דאָרטן.

ניט איין מאַי אַ הערלעכער
וועט אין צייט פאַרפליסן.

בלויז מיין האַרץ, מיין טריבע האַרץ
די אייביקייט וועט שליסן.

אַלץ וועט בליען פון דאָס ניי,
מונטער וועט אַלץ לאַכן.
איך נאָר איינער ליגן וועל,
אייביק ניט דערוואַכן.

מיין פרילינג

ס׳האָט מיין פרילינג ניט געבליט —
ניט קיין בלום און ניט קיין קווייט,
און דאַן האָט מיין בענקענד האַרץ
זיך געריסן צו דעם טויט.

ס׳האָט די האָפענונג מיך געטרייסט
און האָט מיך גענאַרט,
און געשושקעט מיר אין אויער :
דו נאַריש יינגל, וואַרט.

האַלט איך אַלץ אין וואַרטן,
האַלט איך אַלץ אין האָפן,
אויך איז מיט מיין פרילינג
די האָפענונג אַנטלאָפן.

דער פרילינג איז אַנטלאָפן
די האָפענונג איז טויט,
גיי איך אום אַ טויטער
לעבעדיקערהייט.

אַ חלום...

איך חלום — איך גוסס. ס׳פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם,
עס קילן די בלוטן און באַלד בין איך טויט.
איך ווער זיך און קען ניט — איך זינק אין אַן אָפּגרונט
און פיל נאָר ווי אַלץ פאַרשווינדט און פאַרגייט.

און איינע, נאָר איינע, דאָס איז מיין געליבטע,
זי זיצט ביי מיין בעטל און האַלט מיך ביים פּולס:
עס קלאַפּט ניט! זי פאַלט אויף מיין האַרצן,
איך פיל ווי זי ציטערט, איך פיל איר קאָנוווּלס.

איך זאַמל אין זיך אָן די כוחות די לעצטע,
און שריי אויס פאַרצווייפלט: אָ! טייערע שאַץ.
איך וואַך אויף: צום טייוול, ס׳איז אַלץ גאָר אַ חלום.
דאָס שפּילט מיט מיין פולס זיך די שטוביקע קאַץ.

צום פּאַיאַץ...

שמייכל, לאַך און פּויק אין טאַץ —
אַלע ליבן דעם פּאַיאַץ.

בראָק מיט וויצן לינקס און רעכטס —
נאָר ניט לאָז אַרויס אַ קרעכץ.

ווען דיר נאָגט אַ טיפער פּיין —
קאָרטשע ניט דיין פּנים איין.

ס׳רייסט דאָס האַרץ דיר? לאַך און פּלאַץ —
הער דיין ווייטיק ווי די קאַץ.

ווילדער, פרעכער פּויק אין טאַץ,
אַלע ליבן דעם פּאַיאַץ.

צו די שטערן

אָ, ליבער גאָט, פֿאַרוואָלקן ניט,
פֿאַרצי ניט מיט אַ נעפּל רויך
ביינאַכט די גאָלדענע שטערנדלעך,
וואָס פֿינקלען אין דער הויך.

זיי זיינען מיינע איינציקע,
די איינציקע, די ליבלעכע,
וואָס טרייסטן מיך און צערטלען ליב
אין צייטן שלעכטע טריבלעכע.

די גרויסע זון, די ליכטיקע,
פֿאַרבאָרגט פֿון מיר איר ליכטיקייט,
זי וויל קיין שטראַלן שענקען מיר
און האָט פֿאַר מיר קיין וויכטיקייט.

דערפֿאַר בעט איך דיך, גאָטעניו,
פֿאַרצי ניט מיט אַ נעפּל רויך
ביינאַכט די גאָלדענע שטערנדלעך,
וואָס קוקן פֿון דער הויך.

דער קמצן

ציילט דער קמצן זיינע רענדלעך,
לייגט מטבע צו מטבע,
פּרוווט דעם קלאַנג פון יעדן גאָלדשטיק
לייגט אַ מאה צו אַ מאה.

נאָכז'עם ציילט ער שוין די מאות,
ציילט און פּלוצלונג ער פאַרטראַכט זיך,
קוקט אַרום זיך און אַ פּחד
אויף זיין פּנים זעט מען, דאַכט זיך.

ציילט ער איין מאָל, ציילט ער צוויי מאָל,
און באַלעקט די בלאָע ליפּן.
דורך די פינגער אין אַ בייטל
נעמט ער זיינע רענדלעך זיפּן.

מיט אַ רימען דאַן דעם בייטל
דרייט ער איין און פעסט פאַרבינדט ער,
לעשט דאָס ליכטל אויס און פּלוצלונג,
ווי אַ בייזער גייסט, פאַרשווינדט ער...

. . . .

אייביק אייביק פוילט דער אוצר,
קיינער וועט דעם קמצן אַרבן.
און אַליין וועט ער פון הונגער
אין תכריכים פרעמדע שטאַרבן.

ציינד אָן, גאָט

ציינד אָן, גאָט, אין הימל פייער,
כ׳האָב אַצינד צו זיצן מורא.
ווי זיי שרעקן מיך די שאָטנס,
מיך באַפאַלט אַ מרה שחורה.

און אָט קריכן פון דער סטעליע,
פון די ווינקלען, פון די שפּאַלטן
גייסטער שוואַרצע אָן אַ שיעור גאָר.
אוי, ווי שרעקלעך די געשטאַלטן.

הינטער מיר גאַנץ שטיל אויף טשיפּקעס,
גייט מען מיך ביים האַלז אָנכאַפּן,
כ׳האָב אַ קער צו טאָן זיך מורא,
כ׳קען דעם אָטעם ניט אָפּכאַפּן.

ציינד, גאָט, אָן אין הימל פייער,
און פאַריאָג זיי די געשפּענסטער,
ציינד אָן פייער, איך וועל וואַרטן,
איך וועל וואַרטן דאָ ביים פענצטער.

עס וואַכט אויף

עס וואַכט אויף די פּרינצעסן,
פון מזרח׳ס שענסטן צעלט.
זי הויבט אויף איר ברעמען —
באַלויכטן ווערט די וועלט.

אירע אויגן וואַשט זי
מיט מאָרגנס זיסטן טוי,
זי גיסט זיך אָן פּאַרפיומען
פון בלומען אַלערליי.

דאַן קעמט זי אירע לאָקן,
צעפּאַטלט פון דער נאַכט,
אין הימלס שפּיגל קוקט זי,
צירט איר קאָפּ און לאַכט.

זי עפנט אויף דעם פאָרהאַנג
פון מזרח׳ס בודואַר
און גייט אַרויס שפּאַצירן
אויף הימלישן בולוואַר.

און וועמען זי באַגעגנט,
באַגריסט זי מיט איר בליק.
די לופט הילכט מיט גוט מאָרגן,
דאָס האַרץ מיט פרייד און גליק.

האָב איך...

האָב איך מיין חלום מיין ערשטן געשפּונען,
איז ער ווי טוי אינעם פרילינג צערונען.

האָב איך אַ חלום אַ צווייטן געשפּונען,
איז ער ווי אַ זילבערנער וואָלקן אַנטרונען.

האָב איך מיין חלום דעם לעצטן געשפּונען,
האָב איך אים אַ טויטן אין האַרצן געפונען.

איצט בין איך אַן אבל און גיי אום אין שוואַרצן,
איך וויין אויף מיין חלום דעם לעצטן אין האַרצן.

דו האָסט...

דו האָסט אַ ווייב, דו האָסט אַ קינד,
און אַרבעטסט פאַר דיין הויזגעזינט.

צי לייכט דער יאָך, צי אפשר שווער,
דיין יוגנט טרוים ניטאָ איז מער.

ס'האָט עמיץ דיך פון גליק באַרויבט,
דיין אידעאַל ליגט האַלב פאַרשטויבט.

און גייסטו ווו, איז ניט אויף לאַנג,
דו איילסט אַהיים און ס'טוט דיר באַנג.

דו איילסט אַהיים, דו לויפסט געשווינד,
דו האָסט אַ ווייב, דו האָסט אַ קינד...

***

ניט געציילטערהייט פאַרשווענדט
די הערלעכסטע מאָמענטן
ווי קינדער קליינע נאַרישע
פאַרטאַכלעווען די סענטן.

און איצטער אַז איך בין שוין קלוג
און חשבון טעג און יאָרן
איז ווייניק וואָס פאַרבליבן שוין
וואָס איך זאָל קענען שפּאָרן.

ך

ביים אויוועלע...

ס׳גליט מיין אויוועלע,
ס׳פליען פונקעלעך.
שיינע, גאָלדענע,
אָן אַ שיער...
רויטע צינגעלעך
פּלאַפּלען מעשהלעך
פון אַ מאָל...

אַ ווינטער־נעכטעלע,
אַ בית־מדרש׳ל
און אַ שטענדערל,
און אַ חלב ליכט.
אַ שיין אַ צאַנקענדער,
בלעטער געלינקע
פול מיט אותיות׳לעך
אָן אַ צאָל...

דאָ אַ רש״י׳לע,
דאָ אַ תוספות׳ל,
דאָ אַ מדרש׳ל —
גלייך ביים זייט :...
און דאָס שטערנדל
פול מיט קנייטשעלעך...

פון די קשיה׳לעך
אָן אַ צאָל...

און דאָס ניגונדל
אַזאַ בענקענדער,
אַזאַ רייסנדער —
ציט זיך ציט...
און די אויגעלעך
שליסן, קלעפּן זיך,
און דאָס ניגונדל
גוססט, שטאַרבט.

ס׳ציט דאָס קעפּעלע
צו דעם שטענדערל,
אויף איין ווײַלעטשקע,
אויף אַ רגע׳לע
ס׳מורמלען ליפּעלעך,
פרעגן קשיה׳לעך —
און דאָס ניגונדל
שטאַרבט און שטאַרבט...

ס׳צאַנקט דאָס ליכטעלע,
גיסט מיט טרערעלעך
געלע, חלבנע,
אויפן בלאַט.
ס׳קומט דער שמש׳ל
ס׳קוקן אויגעלעך
מילד און טריב...

נאָך אַ ליכטעלע,
און נאָך אַ שאָטנדל
ביי דעם שטענדערל
וויגט זיך, וויגט...
ס׳מישן בלעטער זיך,
און דאָס שטערנדל
קנייטשט זיך קנייטשט...

ס׳גליט מיין אויוועלע,
ס׳פליען פונקעלעך,
שיינע, גאָלדענע
אָן אַ שיער...
רויטע צינגעלעך
פלאַפלען מעשה׳לעך
און פאַנטאַזיעלעך
פון אַמאָל...

רב מענדל ירוחמ׳ס

(באַלאַדע)

ווען לאַנגווייליק ווערט אים, דעם שטן מקטרג,
און ס׳ווילט זיך אים טרייבן אַביסל קאַטאָוועס,
דאַן גיט ער אַ קלאַפּ זיך אַ שטאַרקן אין שטערן,
דערמאָנט זיך, אַז ווייט ערגעץ העט אין דער ליטע
געפינט זיך אַ שטעטל מיט יידן גאָר פרומע,
און אַז דאָרטן אין שטעטל וווינט מענדל ירוחמ׳ס,
אַ ייד גאָר אַ צדיק, גאָטספאָרכטיק, אַ מורא,
וואָס ימים ולילה נאָר זיצט ער און לערנט,
און היט תרי״ג מצוות, ווי גאָט האָט געבאָטן,
און וויכט ווי פון פייער פון שטן מקטרג,
און ז׳ריין פון עבירות ווי שניי אַ ווייס קלאָרער.
איז איינמאָל אַ שבת פאַרטאָג, גאַנץ באַגינען,
ווען ס׳האָט נאָך דער מלך פון שבת געשלאָפן,
דער מלך פון שבת, רב מענדל ירוחמ׳ס,
פאַרזונקען אין טיפע און פרומע חלומות —
געקומען צו אים איז דער שטן מקטרג,
צעמישט אים אין קאָפּ זיינע פרומע רעיונות,
פאַרמישט אים דעם חשבון פון טעג און פון וואָכן,
פון שבת און חול צעדרייט די געדאַנקען —
און ס׳דוכט זיך רב מענדלען, ס׳איז זונטיק באַגינען,
אָט שטייט אויפן טיש נאָך די ליכט פון הבדלה,
דער כוס און די זילבערנע פושקע פול בשמים,
און ס׳טוט זיך אַ כאַפּ אויף רב מענדל ירוחמ׳ס
און לויפט שנעל אַרונטער פון וויכן געלעגער

און גיסט אָפּ די הענט זיך מיט פריש נעגל וואַסער
און זאָגט אָפּ די ברכות אַזוי ווי געהעריק,
און נעמט דאַן די אַלטע קאַפּאָטע אַרונטער,
טוט אָן בחפזון די וואַכיקע שטיוול
און שטעלט זיך גלייך דאַוונען אין טלית און תפילין,
און דאַוונט ביחידות אַזוי פרום מיט כוונה.
און גלייך נאָכן דאַוונען פּאַרציט ער די ליולקע.

*

און גייט גלייך אין פירהויז אַרויס אויף די טשיפּקעס,
(ניט וועקן חלילה זיין זלאַטן און קינדער),
און קלייבט דאָרט שפּענדלעך און האָלץ אַ פּאָר שייטלעך,
און טראָגט זיי און לייגט זיי אַריין אין דער הרובע.

....

אין הרובע ווערט ליכטיק, עס שפּריצן די פונקען,
אין דרויסן איז קאַלט, אין שטוב אַזוי וואַרעם,
עס רייסט זיך דער רויך פון דער ליולקע אין קוימען —
רב מענדל ער שעפּטשעט אַ תפילה צום בורא...

....

נאָר פּלוצלונג געגומען אין קאָפּ האָט אים שווינדלען,
די ליולקע פון מויל אים אַרויס איז געפאַלן,
ער האָט פאַרן קאָפּ זיך געכאַפּט און געשריען,
געגרעוועט אַזוי ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה —
און איז אויפן דיל אין חלשות געפאַלן.
די ווייב און די קינדער זיך צוזאַמענגעלאָפן,

עס האָט אים מיט וואַסער זיין זלאַטע באַגאָסן.
נאָר מענדל די האָר פון קאָפּ זיך געריסן,
געביסן די הענט זיך ביז בלוט האָט גערונען,
געקרעכצט און געכליפּעט, אַזוי ווי אַן עופל.

. . . .

אין הרובע דאָס פייער איז שטיל אויסגעגאַנגען,
אין קוימען האָט עמיץ געקייכט פון געלעכטער.

. . . .

אַז איר וועט אַמאָל ערב שבת פאַרפאָרן
אַהי צו אין שטעטל העט ווייט אין דער ליטע,
און זען דאָרט אַ יידן מיט באָרד און מיט שטעקן,
מיט פאָלעס פאַרקאַטשעט, מיט אויגן וואָס ברענען,
און טרייבט פון די קלייטן די קונים און קרעמער
און טרייבט פון די גאַסן די ווייבער און קינדער,
און שרייט מיט באַנומענע קולות: „ליכט בענטשן״ —
זייט וויסן, אַז דאָס איז רב מענדל ירוחמ׳ס,
רב מענדל ירוחמ׳ס, מיט וועמען עס האָט זיך
דעם שטן מקטרג געגלוסט טרייבן קאַטאָוועס,
און פון דאַן אָן אָ, אַלס נדר, פאַרפעלט ניט רב מענדל
צו טרייבן די יידן פון קראָמען און קלייטן
און קלאַפּט מיט זיין שטעקן אין פענצטער און טירן,
אַזוי ווי די זון נעמט אַרונטער זיך לאָזן,
אַזוי יעטוועדן פרייטיק ביי זיך אין דעם שטעטל,
און שרייט מיט באַנומענע קולות און געוואַלטן:
„אָ, יידן! אָ, יידן! שוין צייט איצט ליכט בענטשן״.

סענדער די באָנדע פּוסטע פּעסל

(בילד)

סענדער די באָנדע פּוסטע פּעסל,
אַ שטעקן אין האַנט, אויפן בוזים אַ שלעסל,
פול איז זיין בוזים מיט שמות פּאַפּיר,
מיינט ער אַז ער איז דער גרעסטער גביר...
די שמות — דאָס זיינען ביי אים דאָקומענטן
פון אייגענע ימען, פון שיפן, אָקרענטן,
וואָס שווימען געלאָדן מיט גאָלד און בריליאַנטן
פון לענדער פון ווייטע, פון אַלערליי קאַנטן.
די קינדער פון שטעטל, מכלומרשט גבירלעך,
זיי צאָלן אים וועקסלען פון זייף די פּאַפּירלעך...
און סענדער ער שטופּט זיי אין בוזים מיט גדולה
און קוועלט פון די אוצרות, וואָס ווערן אַלץ פולער...
אַז ס'איז אין זיין בוזים שוין מער ניט געגאַנגען,
האָט ער אויף זיין פּלייצע צוויי זעק אויפגעהאָנגען.
און פול שוין די זעק אויך, אַזוי ווי צוויי האָרבן
האָט סענדער געגומען און פּלוצלונג געשטאָרבן.

....

רב יאָשע דער קברן האָט שווער זיך געמאַטערט,
ביז ער האָט די אוצרות רב סענדערס געפּטרט.

אַ ליטוואַק...

שוואַרצער ברויט געמישט מיט קלייען
און אַ קרופּניק שיטער בלייך,
נאָר אַ ליטוואַק וועט פאַרדייען
ערגערעס דערפון נאָך אויך.

זיין געפאַלן, פילן שפּל —
ניט אַ ליטוואַק צוליב נויט,
זאָל נאָר זיין געענוג קאַרטאָפל,
עסט ער פּישבולבע מיט ברויט.

ערגעץ ווייט אין טיף ראָסייע,
עסט מען זעמל, טרינקט מען וויין,
ליגט דאָס אים אין לינקער פּאה,
הערט ער זיך צו דעם ניט איין.

נאָר וואָס שייך צו אַ פּשטל,
צו אַ סוגיה האַרב און שווער,
ווייס ער ריכטיק יעדעס בלעטל,
ווו איר גיט אים נאָר אַ קער...

אָרעם בלייך און אָפּגעלאָזן
און קען פאַסטן זעקס מעת לעת,
נאָר אַ ליטוואַק וועט וואָלאָזשין
ניט פאַרבייטן אויף אָדעס.

ה

צו פּוילן

קינ׳ס צייכן אויף דיין שטערן,
ווי גראַווירט אויף מאַרמאָר שטיין,
וועסטו שרעק און גרוילן שפּרייטן,
ווו דו וועסט נאָר שטיין און גיין.

וועסטו מיט דיין האַנט פאַרשטעלן
קינ׳ס צייכן, פּוילנס שאַנד.
ווערט פון ווייטן זיך אַנטפּלעקן
דיין פאַרבלוטיקטע מערדער האַנט.

איך פאַרדעכטיק איצט מיין שכן

איך פאַרדעכטיק איצט מיין שכן,
וועלכער צייגט זיך אַזוי העפלעך.
זיין באַנעמונג און מאַניערן
אַזוי איידל און פארטרעפלעך.

עפּעס דוכט מיר אין זיין שמייכל
ליגט אַ האַס צו מיר פאַרבאָרגן,
און פון קלאַפּערשלאַנג דאָס קלאַפּן
הער איך אין זיין גרוס „גוט מאָרגן".

און איך זוך אים אויסצומיידן,
קיין געשפּרעכן מיט אים פירן.
ס'דוכט מיר ווי ער וויל די וווּנדן
פון מיין יידיש האַרץ באַרירן.

ווען דו

ווען דו האָסט דיין גלייכן דערמאָרדעט
אין אָפענעם קאַמף צי אין קריג —
דאַן מעגסטו שטאָלצירן מיט גבורה,
באַרימען זיך מעגסטו מיט דיין זיג.

ווען דו האָסט נאָר קינדער געמאָרדעט,
מיט רוגזה צעשמעטערט אָן שטיין.
פאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין גבורה,
זאָל ווערן פאַרפלוכט דיין געביין.

הענט פֿאַרלאַנגט

דאָ פֿאַרלאַנגט מען, ניט קיין מענטשן
מיט קיין מענטשלעכע געפֿילן:
הענט געזונטע מאָזאָליסטע — איז
וואָס זיי פֿאָדערן און ווילן.

הענט געזונטע, מוסקולירטע,
הענט וואָס ריידן ניט, נאָר שטומען.
הענט וואָס ווייסן ניט פֿון דענקען —
וואָס מען גיט זיי — דאָס גענומען.

און דעריבער, ווען זיי דאַרפֿן
ווער ס׳זאָל טרייבן די מאַשינען —
זוכן זיי דאָ ניט קיין מענטשן,
נאָר זיי ווילן הענט געפֿינען.

אונדזער וועלט

אונדזער וועלט איז מעוברת —
עפּעס וועט זי האָבן,
דאַרף מען שנעלער רופן
שיקן נאָך דער באָבען.

וועט די גוטע באָבע
ס׳נייע קינד אָפּנעמען,
זאָל מען כאָטש ניט דאַרפן
מיטן קינד זיך שעמען.

וואַרט מען אומגעדולדיק
ס׳גיט דאָס האַרץ אַ צאַפּל.
חלילה אַ פאַרזעעניש —
זאָל בעסער זיין אַ מפּיל.

דער נייער גייסט

ווייסט דו ווער עס האָט באַשאַפן
אָט דעם פרייען גייסט וואָס שוועבט אַרום?
די נויט, מיין פריינט, פון אַלע שקלאַפן,
וואָס ליידן שרעקלעך אומעטום.

ווייסטו וואָס פאַר אונדז קען שאַפן
דער פרייער גייסט, אָט דער,
די באַפרייאונג, פריינט, פון שקלאַפן
און די פאַרניכטונג פון דעם האַר.

אַמאָל

אַמאָל האָט געקעניגט אמרפל,
און שפּעטער די בולבעס, קאַרטאָפל,
איצט זיגן די רויטע,
עס קעניגט פּאָטייטע,
און ס׳פּילן די בולבעס זיך שפּל.

[יוני, 1921 — בן־צבי]

ו

פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן

איך האָס די שטאָט, איך האָס איר טומל,
איך ליב דעם וואַלד, דעם פֿרײַען הימל,
איך ליב דעם וואַלד, איך ליב דאָס גראָז,
דאָרט בין איך פֿרײַ צו טאָן כאָטש וואָס,

דאָרט שפּאַן איך אום, וווּהין איך וויל,
און ווען איך זינג איז מיט געפֿיל.
איך גיב אַ גיי אַרײַן אין וואַלד
און גיב אַ הוק — מען ענטפֿערט באַלד.

אַ קוק אַרויף — אַ פֿויגל כאָר,
אַ בליק אַראָפּ — אַ גרין קאַוויאַר,
אַן אָטעם כ׳טו, עס שמעקט פּאַרפֿום,
אין לאָץ אַרײַן די שענסטע בלום.

אַ ליבסטע כ׳האָב געאָרעמט גלײַך,
און ניט געקלערט, אַוועק צום טײַך,
די שיך אַראָפּ, מיט הוילע פֿיס
מען פּליושקעט זיך, מען קושט זיך זיס.

....

און וואָס מען טוט, קיין זינד, קיין שפּאָט.
נאַטור, איך קום, כ׳פֿאַרלאָז די שטאָט.

[בן־ציון, 1911]

ניו־יאָרק

ס׳ליגט ניו־יאָרק אין דיר אַ כישוף,
טייוליש איז דיין חן.
טויזנט יאָרן מוז מען לעבן,
כדי דיך צו פֿאַרשטיין.

איך האָב ניט איינמאָל דיך געשאָלטן
און פון דיר אַוועק.
האָט די בענקשאַפט מיך געיאָגט שוין
גלייך אין מיטן וועג.

האָב געטראַכט דאַן, אַז די לאָנקעס
וועלן געבן פרייד,
האָט דער אומעט מיך געמאַטערט,
שיער ניט ביז צום טויט.

טייוליש איז דיין חן.
נעכטן האָב איך דיך געשאָלטן,
היינט — קוש איך דיין שטיין...

זון־אונטערגאַנג

אין דעם מערבֿ׳ס צאַרטע אָרעמס
הויכט די זון איר לעצטן אָטעם
און פֿאַרהילט דעם גרויסן נפֿטר
אין אַ סאַמעט שוואַרצן קלייד.

און דער הימל צינדט אָן ליכטער,
און די נאַכט אין אבֿל בגדים,
איינגעהילט אין שוואַרצן שלייער,
לאָזט זיך שטיל אויף דר׳ערד אַרונטער.

און אין יעדנס האַרצן וועבט זי
אויס אָן אומעט, פֿול מיט שרעקן,
ס׳מורמלען שטיל די ביימער קדיש,
ס׳צינדן ליכטער אָן זיך מערער.

ס׳קלינגט דער אָוונט־גלאָק אין קלויסטער
און די נאַכטיגאַל פֿאַרגייט זיך.
ס׳פֿורפֿלט מער שוין ניט דער מערבֿ —
דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט שוין.

ס׳קומט אַרויס די נאַכט־פּרינצעסן,
ליכטער מערער צינדט זי אָנעט.
ס׳ווערט די אימה גרעסער, גרעסער
און די נאַכט באַהערשט דעם טראָן...

[בן־ציון, 1911]

ווערקעס

ווערקעס קלײנינקע
מיט ספּריטנינקע פּיסעלעך
זיצן אויף צווײַגעלעך
און שײלן דאָרט ניסעלעך.

זיי שײלן דאָרט ניסעלעך
אַרויס פון די שעלכעלעך
זיסינקע ניסעלעך,
אַזוי ווי די געלכעלעך.

און טראָגן די ניסעלעך
אַהיים אין די נעסטעלעך
און פילן דאָרט אָנעט
פולינקע קעסטעלעך.

און ווינטער צײַט זיצן זיי
בײַ זיך אין די נעסטעלעך
און קנאַקן דאָרט ניסעלעך
פון פולינקע קעסטעלעך.

דערציילונגען

מיין מאַמע

(סקיצע)

שטענדיק שווייגט זי מיין מאַמע. יעדע באַליידיקונג וואָס זי קריגט פון טאַטן און פון מיר שלינגט זי אַרונטער, זי ענטפערט ניט צוריק, שרייט ניט, וויינט ניט, און שטיל, זייער שטיל בלייבט זי דאַן זיצן, פאַרקוקט זיך ערגעץ אין אַ פינטל, קוקט לאַנג, און נעמט ניט אַרונטער די אויגן פון דאָרט, אַזוי ווי זי וואָלט אין יענעם פינטל עטוואָס געזען, אַזוי ווי זי וואָלט מיטן קוקן ווען פאַרגרינגערן אירע ווייטיקן און פּיין.

אָבער ווי טראַגיש עס זאָל ניט זיין איר שטילער קוקן, אַזוי איז עס נאָך שווערער פאַר מיר זעענדיק ווי זי קוקט אַזוי לאַנג, ניט אָפּקערנדיק זיך אויף אַ רגע, אַזוי ווי פאַר־גליווערט ווערט זי דאַן און אין יענער מינוט וואָלט איך דאַכט זיך אויפן אייגענעם טאַטן, אויף זיך אַליין אַרויפגעפאַלן, און פון כעס, זיך, און אים אויסגעזידלט.

אין אָוונט זיצן מיר אַלע דריי ביים טיש און טרינקען טיי. דער טאַטע קוקט אַריין אין אַ צייטונג, איך לייען אַ בוך. די מאַמע לייענט ניט, זי קען ניט לייענען, זי פילט עס גאַנץ גוט... זי פאַרשטייט איר אומגליק, ניט קענען לייע־נען, אָבער זי קען זיך ניט העלפן... זי איז גליקלעך מיט דעם וואָס דער טאַטע זיצט בהרחבה ביים טיש און איז פאַראינטערעסירט אין דער צייטונג, און איך, איר זון, לייען אַ בוך. איך קען זען ווי די שכינה רוט אויף איר פּנים. זי איז שטיל, מיין מאַמע, האָט מורא אויסצורעדן אַ וואָרט,

אָדער מאַכן וועלכע ס׳איז באַוועגונג, זי וויל אונדז ניט שטערן.

גאַנץ אָפט רייס איך מיינע אויגן אָפּ פון בוך, און באַטראַכט די מאַמע, איך וויל זיך אַריינגראָבן אין איר האַרצן און וויסן וואָס זי טראַכט איצט, און אין מיר דערוועקט זיך אַ געפיל פון רחמנות צו איר, איך וואָלט דאַכט זיך איצט אַרומגעכאַפּט זי און געקושט, געהאַלדזט, און בעטן איר מיר פאַרגעבן פאַר יעדן שלעכטן וואָרט, וואָס איך האָב איר געזאָגט.

איך דערמאָן זיך איצט, ווי זי, די מאַמע, האָט מיך פיל מאָל געבעטן איר דערציילן זאַכן, וואָס איך לייען אין ביכל, אָבער איך האָב יעדעס מאָל אויסגעמיטן איר עפּעס דערציילן... און אָפט, ווען זי איז צוגעשטאַנען צו מיר, האָב איך אפילו גראָב אָפּגעזאָגט. וואָלט זי מיר איצט געבעטן, וואָלט איך דאַכט זיך קיינמאָל ניט מיד געוואָרן דערציילן איר וואָס עס קומט פאַר אין ביכל... אָבער זי בעט ניט מער, און אַ נאָגנדיקער ווייטיק קלעמט מיר אין מיין האַרצן...

דער טאַטע צעשטערט מיר אַביסל די געדאַנקען, ער עפנט ברייט די צייטונג, און ווייזט מיר אָן אויף אַ שטיקל נייעס: „לייען דאָס דורך״, זאָגט ער צו מיר, און ער צעלאַכט זיך. קענטיק, אַז אים געפעלט עפּעס דאָרט אין צייטונג...

די מאַמע קוקט אונדז אָן מיט זשעדנע בליקן, און פרעגט ביי מיר אוןביים טאַטן:

— וואָס איז דאָרט?

דער טאַטע ענטפערט איר גלייך, מיט זיין שטענדיקן, האַרטן טאָן: „נאָר דו מיש זיך נישט!״

איך האָב אויך פאַרגעסן אין מיינע אָקאָרשטיקע געפילן צו דער מאַמען, און ניט בעסער ווי דעם טאַטנס, גיב איך איר אַן ענטפער אויף איר בקשה:

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, לאָז מיך צורו!

די מאַמע איז גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, שטיל ווי אַ טויב האָט זי איר קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, און נעמענדיק אין האַנט אַ ברעקל פון טיש, האָט זי עס ווי פון כעס געקנאָטן און געגריזשעט... און גלייך אין דער זעלבער רגע האָט זי איר בליק געוואָרפן אויפן לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און שטיל געקוקט אַהין אין זעלבן פונקט...

איך זע שוין פאַר זיך ניט מער די צייטונג, ניט דאָס ביכל... איך דערפיל מיין קאָפּ דרייט זיך מיר ווי אין אַ ווירבל־ווינט, און די געדאַנקען מישן זיך מיר, ביז איך דערפיל זיך ווי איך וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חיה און געביסן, געריסן. איך פיל, אַז איך גיי אַרויס פון די כלים.

איך וואַרף אַ בליק אויף דער מאַמען — זי זיצט, קוקט אויפן זעלבן פונקט, אויפן זעלבן פינטל פון לאָמפּ...

ווי אומעטיק ווייזט זיך מיר אויס, זיינען אירע אויגן איצט. איך פיל, אַז איך באַדאַרף גלייך איר בעטן מיר אַנטשולדיקן. די טרערן שטיקן מיך אין האַלדז, אָבער איך קען ניט וויינען, איך פיל אַז זי וועט מיר מוחל זיין, און דאָס וועט נאָך זיין ערגער פאַר מיר. וואָלט זי מיר ניט מוחל זיין, וואָלט זי מיך כאָטש געטאַדלט, געטראָטן מיט די פיס...

און איך בלייב זיצן ביי דעם טיש ווי אַ געליימטער, איך פיל אַז מיינע אויגן סטאַרטשען אַרויס, איך זע איצט

פאַר זיך קיין זאַך ניט, אַלץ איז פאַר מיר איינגעוויקלט ווי אין אַ טומאַן! עס רוישט מיר אין קאָפּ, און איך פיל, אַז איך ווער וואָס ווייטער שוואַכער, און אָט פיל איך ווי־טרערן נעמען זיך דורכרייסן, נאָר איך שעם זיך וויינען, איך וויל ניט וויינען אָפּן פאַר דער מאַמען, איך שפּאַר זיך אָן אין טיש, כדי ניט אומפאַלן... איך פיל זיך שלעכט...

די מאַמע באַמערקט אין מיר אַן ענדערונג, און קוקט אויף מיר מיט מילדע און צערטלעכע בליקן.

— וואָס לייענסטו עפּעס, מיין קינד?

איך וויל איר ענטפערן, נאָר איך קען ניט... איך פיל נאָר, אַז עמיצער אין מיר וויינט הויך, הויך אויפן קול...

זי

(סקיצע)

ביידע זיינען זיי געווען גוטע פריינט, און גאַנץ אָפט פלעגן זיי רעדן וועגן איר.

און שטענדיק פלעגן זיי זיך נאַרן איינער דעם צווייטן...

קיין גוטע מיינונג וועגן איר האָבן זיי קיינמאָל ביידע ניט געהאַט, אָפט פלעגן זיי זי באַרעדן, מאַכן זי צו גאָרנישט איינער פאַרן צווייטן, אָבער אין האַרצן ביי זיך האָט יעדער געוווסט, אַז דער צווייטער זאָגט ליגן וועגן איר...

ער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, מאַקס, פלעגט וועלן איבערצייגן זיין גוטן פריינט, אַז זי איז קיין מענטש ניט, עפּעס אַ גאָרניט, זי איז אפילו ניט שיין, גאָרניט אָנציִענד, כאָטש אין אמתן איז זי געווען שיין, באַצויבערנד. אירע פאַרטרוימטע הימל־בלויע אויגן, וועלכע פלעגן שטענדיק קוקן אין אַן אומענדלעכער ווייטקייט, האָבן געקענט פאַר־כישופן יעדן איינעם, און מאַקס פלעגט פאַר זיין פריינט אָנרופן אירע פאַנטאַסטישע אויגן „קעלבערנע״.

איר פּנים, וואָס איז געווען קלאָר ווי אַלאַבאַסטער, אירע צאַרטע הענט, איר איידעלער האַלדז, איר גוט אַנטוויקלטער קערפּער — דאָס אַלץ פלעגט מאַקס באַצייכענען מיט איין וואָרט: „זויערמילך״ און נאָך אַזעלכע נעמען, וועלכע ער פלעגט אויסזוכן פאַר זיין פריינט, כדי זי צו פאַרמיאוסן אין זיינע אויגן...

און זיין פריינט האָט דאָס פאַרשטאַנען. אָבער ניט בעסער

איז אויך ער געווען, מיט נאָך ערגערע אויסדרוקן פלעגט ער זי באַצייכענען פאַר מאַקסן.

און יעדער איינער פון זיי האָט געחלשט נאָך אירס אַ בליק. איר בליק האָט זיי געקענט גליקלעך מאַכן. די באַרירונג פון איר האַנט האָט געקענט אין זיי אָנצינדן די העכסטע ליידנשאַפטן, אירס אַ וואָרט האָט זיי געקענט פאַר־טראָגן אין די הויכע פאַנטאַזיעס, און גליקלעכע האָבן זיי זיך געפילט אין איר קעגנוואַרט, און דאָך האָבן זיי איינער פאַרן צווייטן געלאַכט פון איר...

יעדן אָוונט, ווען מאַקס גייט ערגעץ אַוועק, און זיין פריינט פרעגט אים, ווו ער גייט, איז זיין ענטפער: „צו אַ פאַרזאַמלונג" אָדער צו אַ „לעקציע", אָבער זיין פריינט פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַ ליגן: לויט דער מינע אויף מאַקסעס פנים, זיין אַראָפּגעלאָזענעם בליק, דערקענט ער, אַז ער גייט צו איר.

— ווּעסטו אפשר היינט זיין ביי איר? — פרעגט אים זיין פריינט.

— טשעפּע זיך מיר אָפּ מיט איר! אַן אינטערעס גע־פונען ווו צו גיין: דיר ליגט מער ניט אין זינען ווי זי!

אין מאַקסעס ענטפער דערפילט ער אַז ער, זיין פריינט וויל אים אָפּנאַרן. ער פאַרשטייט אים אַזוי גוט. בעסער געזאָגט, ער פאַרשטייט זיך. מאַקס בלייבט אַ ווײַלע לענגער מיט זיין פריינט, און פרעגט:

— וואָס, דו דענקסט דאָרטן צו זיין היינט?

— אפשר, איך האָב איר אַ ביכל אַוועקצוגעבן, און דער־נאָך קום איך אַהיים.

זייערע אויגן באַגעגענען זיך ווידער, און גלייך לאָזן זיי די אויגן אַראָפּ, ווי איינער וואָלט זאָגן: איר באַרט איינער דעם צווייטן,ביידע ווילט איר פאַרטומלען איינער דעם צווייטן, איר וועט דאָך דאָרטן ביידע זיין.

— וווּ גייסטו אַהין? — פרעגט אים מאַקס ביים אַרויס־גיין, האַלטנדיק די קליאַמקע אין האַנט.

— כ׳ווייס, אַרום צען דעם זייגער, אָדער שפּעטער. איך וועל זען, אפשר וועל איך איר אָפּטראָגן דאָס ביכל מאָרגן?

— ווייסטו וואָס — זאָגט מאַקס, און זיין קול ווערט אַביסל נערוועזער, גיב מיר דאָס ביכל, איך גיי דאָרטן פאַרביי, וועל איך אַריינלויפן און איר אָפּגעבן דאָס ביכל.

אַריינגעפאַלן, קלערט ער זיך, אָבער גלייך פאַרכאַפּט ער זיך, אַז ער דאַרף אָפּנעמען דאָס ביכל פון זיינעם אַ באַ־קאַנטן.

און ביידע פילן איצט דאָס זעלבע. ביי ביידן אין האַרצן גריזשעט די אייפערזיכטיקייט, ביידע ווייסן גוט, אַז קיין איין וואָרט אמת ריידן זיי ניט. ביידע ווילן דאָרט זיין היינט, און ביידע וועלן זיי זיין, אָבער יעדערער פון זיי זוכט אַ מיטל, ווי אַזוי צו זיין ביי איר אַליין.

מאַקס איז אַרויס פון הויז: „ס׳איז אַ ליגן, ער וועט דאָרטן באַלד זיין, און ניט ווי ער זאָגט צען דעם זייגער...“ ניט דעם ערשטן מאָל איז דאָס געווען אַזוי, זייט זיי האָבן זיך, צום ערשטן מאָל, באַקענט מיט איר.

יעדן אָוונט גייען זיי ניט צו איר, און דאָך האָט זיי זיך נאָך ניט איינגעגעבן, אַז איינער פון זיי זאָל פאַרבלייבן אין דער היים און ניט זיין דאָרטן, און אַלע טאָג אין דער זעלבער צייט.

און ווי חלשן זיי בײדע צו זײַן אַלײן מיט איר, אַלײן ריידן מיט איר, ניט האָבן דעם צווייטן מיט זיך אפשר וואָלט זיך זיי אײַנגעגעבן, ווען עס איז גוט דורכרײדן זיך מיט איר, ערקלערנדיק זיך אין ליבע צו איר, און דאַן... דאַן...

און יעדער איינער האָט דאָס זעלבע געטראַכט, דאָס זעלבע זיך פאָרגעשטעלט. און קיינמאָל האָט זיך דאָס זיי ניט אײַנגעגעבן.

אַזוי גייענדיק האָט זיך מאַקס דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט זיך איינמאָל דערוווסט אַז זי אַרבעט ניט אַ טאָג, און דעריבער האָט ער אין דער פרי ניט געוואָלט אויפשטיין, און אויף זײַן פרײַנטס פראַגע, פאַרוואָס ער גייט ניט צו דער אַרבעט, האָט ער געענטפערט, אַז אים טוט דער קאָפּ וויי. און זײַן פרײַנט איז שוין אויך ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, דערקלערנדיק אַז עס איז קיין אַרבעט ניטאָ. אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט: ניט גיין צו דער אַרבעט היינט, זי איז היינט פרײַ, און מאַקס וועט קענען אַ טאָג גליקלעך זײַן.

און זײַן פרײַנט האָט זיך ניט גענאַרט, מאַקס איז אַ זייגער צען דעם זעלבן פרימאָרגן געזונט געוואָרן. און אַזוי גייענ־דיק איבער דער גאַס האָט ער זיך אויך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט עפּעס אַ פּראָשיק גענומען, וועלנדיק איבערצייגן זײַן פרײַנט, אַז ער איז אויף אַן אמתן קראַנק, נאָר יענער האָט ניט געקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט זען, אַז דעם פּראָשיק, וואָס ער האָט גענומען, האָט ער באַהאַלטענערהייט צוריק אויסגעשפּיִיט.

מאַקס איז איצט אין כעס געוואָרן אויף אַלעמען — אויף זיך, אויף זײַן פרײַנט. אין קאָפּ לויפן אים דורך אײַנפאַלן,

אָבער גלייך ווערן זיי ביי אים צעשלאָגן. ער וויל דאָך אויס־זוכן אַ מיטל, ווי אַזוי אָפּצונאַרן זיין פריינט, אָבער ער קאָן זיך ניט דערטראַכטן — אַלע מיטלען, דוכט זיך אים, ווייסט זיין פריינט אויך.

ער וואָלט דאָרט מיט איר אַליין גליקלעך געווען, אָבער זיין פריינט, זיין פריינט...

נאָר איינמאָל איז מאַקסן איינגעפאַלן אַ שפּאָגל נייער פּלאַן: אָט דאָס איז אַן אָריגינעלער פּלאַן, האָט ער ביי זיך געטראַכט. ער וועט אַוועקפאָרן פון דאַנען, ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, און ער וועט שרייבן בריוו צו איר און אין די בריוו וועט ער קענען זיך דורכריידן מיט איר, זי וועט געוויס קיינעם די בריוו ניט ווייזן. אויף זיין פּנים האָט די שכינה אָנגעהויבן רוען — אַ גליקלעכער איינפאַל!

אין אָוונט האָט ער עס דערציילט זיין פריינט. ער האָט אפילו בשעת מעשה געזען, ווי זיין חבר איז ניט צופרידן, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין האַרצן מיינט יענער אַנדערש. ער האָט געוווסט, אַז זיין פריינט מאַכט מיט אַ כּיוון אַזאַ מינע, אים צו ווייזן אַז ער וויל ניט אַז ער זאָל אַוועקפאָרן. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זיין פריינט אים געזאָגט, ווי גוט עס איז צו זיין אין די קליינע שטעט־לעך, ווי רואיק מען לעבט דאָרטן, און ער אַליין וואָלט חשק געהאַט צו פאָרן זיך באַזעצן אין אַ קליין שטעטל, און ער וועט געוויס אַזוי טאָן אין גיכן.

— פאָר — האָט ער אים געזאָגט — איך וועל מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך סטאַרען צו זיין דאָרטן אין צוויי וואָכן צייט.

מאַקס האָט געוווּסט אַז זיין פריינט זאָגט ליגן, אָבער דאָס מאָל איז ער צופרידן געווען מיט זיין פּלאַן. ער האָט געזען, אַז זיין פריינט פאַרשטייט טאַקע ניט דעם גוטן, גוטן איינפאַל. „דאָס מאָל וועט זיך מיר איינגעגעבן", האָט מאַקס געטראַכט, און גליקלעכע פאַנטאַזיעס האָבן אים אַרומ־געכאַפּט: אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער זיצט איינער אַליין און לייענט אירע בריוו, און ווי אַזוי ער שרייבט איר וועגן אַלעם געניי, און בלויז זיי צוויי, ער מיט איר, ריידן זיך דורך, וועגן וואָס נאָר זיי ווילן קענען זיי זיך דורכשרייבן. גליקלעך, גליקלעך!...

פאַרן אַוועקפאָרן האָט מאַקס מיט זיין פריינט ווידער גערעדט וועגן איר. זיין פריינט האָט אים געשוווירן מיט די הייסטע שבועות, אַז פון היינט אָן וועט ער שוין ניט גיין אַהין, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און גאַנץ פרישע בלבולים האָבן זיך ביי מאַקסעס פריינט דעם אָוונט געפונען. „איך פאַרגין דיר ניט", האָט זיך צום סוף מאַקסעס פריינט צו אים אָנגערופן, „דו ווערסט פּטור פון דעם גאַנצן שמוץ"...

— —

מאַקס איז אַוועקגעפאָרן אין שטעטל. די גאַנצע צייט פאָרנדיק איז אים געווען לאַנגווייליק. ווי פון פעך האָבן זיך אים געצויגן די מינוטן. ער וואָלט שוין וועלן זיין דאָרט אין שטעטל און איר גלייך שרייבן אַ בריוו פון דאָרט. און די פאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלן אַ בריוו געשריבן פון איר צו אים, און אים דוכט זיך אַז ער לייענט איר יעדן אות, און ביסלעכווייז ווערן זיי פריינטלעכער, אינטימער, און

אַט שרייבט זי אים שוין: „מיין טייערער מאַקס", און אונ־טערגעשריבן „דיינע אויף אייביק"... ווי גליקלעך, ווי גוט, ווי זיס!...

אַט איז ער שוין אין שטעטל. ער שרייבט זיך שוין דורך מיט איר און מיט זיין פריינט. יעדעס מאָל, ווען ער לייענט דורך אַ בריוו פון זיין פריינט, פילט ער, יענער נאַרט אים. ער דאַרף יעדעס וואָרט פון בריוו איבערדרייען קאַפּויער...

אַמאָל האָט אים זיין פריינט געשריבן, אַז זי לאַכט זיך אויס פון זיינע בריוו, מאַכט שפּאַס פון זייער אינהאַלט, און זיין מיינונג איז, אַז מער זאָל ער צו איר ניט שרייבן, ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ פלאַפּלערקע.

ער האָט געלייענט און געקוואָלן: „דאָס איז אַ ליגן", האָט ער זיך געקלערט, „איך קען אים". און דאָך האָט אים אין האַרץ געציטערט. ווער ווייס, וואָס ער קאָן דאָרט אָנריידן? און אַ קאַלטער שווייס פלעגט אים ביי דעם געדאַנק באַגיסן דאָס פּנים, און רויט פלעגט ער ווערן.

איינמאָל האָט ער געקראָגן פלוצלונג אַ בריוו פון זיין פריינט, וו ער שרייבט אים, אַז ער האָט פאַר אים אַ טייערע שטעלע; ער וועט קריגן נאָך מער ווי ער אַליין, און גלייך זאָל ער קומען, ניט פאַרזאַמען קיין איינציקע מינוט. ער האָט אין דעם בריוו אויך געזען זיין פריינטס אייפערזיכ־טיקייט, ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז זיין נייער פּלאַן צו זיין אין שטעטל און שרייבן בריוו, פאַלט אויך דורך. זיין פריינט האָט שוין דאָס פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט שוין מער ניט געקענט פאַרבלייבן, די אייפערזיכטיקייט האָט אים אינגאַנצן באַהערשט, און צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט.

ער האָט פאַרשטאַנען איצט, אַז זיין פריינט קען אים שעדיקן מיט אַ גאַנץ נייעם פּלאַן. וואָס פאַראַ פּלאַן האָט ער אַליין ניט געוווסט. אָבער ער האָט געפילט, דאָס דורכשרייבן זיך מיט איר האָט זיין פריינט נאָך מער איפּערזיכטיק געמאַכט. יענעם האָט זיך איצט געדוכט, אַז אין יעדן בריוו מוז עטוואָס זיין פאַרבאָרגן... איצט איז קלאָר פאַר זיין פריינט דער צוועק פון זיין אַוועקפאָרן, און קיין נייע מיטלען זיינען שוין ביי מאַקסן ניט געווען.

ווען ער איז געקומען צו אים, האָבן זיי ווידער אָנגעפאַנגען זיין צוזאַמען, און לעבן ווי גוטע פריינט. אָבער זיי פאַרשטייען זיך ניט איינער דעם צווייטן, זיי קענען ניט אויסגעפינען קיין ניי מיטל, ווי אַזוי איינער זאָל קענען פּטור ווערן פון דעם צווייטן. אַרויסקלייבן זיך פון דער קוואַרטיר, האָט יעדער מורא, עפּעס אַזוי ווי זיי געטרויען זיך ניט.

זיי פּרוווּן זיך אָפטמאָל אָפּנאַרן ווו זיי גייען, אָבער זיי קענען ניט.

און יעדן אָוונט, ווען איינער גייט צו אַ פאַרזאַמלונג, זיכער אַז דער צווייטער גייט שוין שלאָפן, ווייל ער איז מיד, באַגעגענען זיי זיך אין קאָרידאָר, ווו איר קוואַרטיר געפינט זיך...

חיימקע

חיימקע איז אַ בן יחיד, איז פאַרשטענדלעך אַז ער איז ווי אַן אויג אין קאָפּ פון טאַטע־מאַמע.

און אויף יעדן טריט און שריט, ווו חיימקע גיט זיך נאָר אַ קער, טרעפט ער זיך אָן מיט דער מאַמעס אויגן.

— ווילסטו עפּעס, מיין אוצרל?

חיימקע קען עס ניט פאַרטראָגן, ער פילט זיך ווי געשמידט אין קייטן... און קיין קלייניקייט, עס ווערט אים מיאוס, נאָכאַנאַנד גייט מען אים נאָך, און ווידער און נאָך אַ מאָל: חיימקע, ווילסט עפּעס?

חיימקע איז שוין באַלד אַכצן יאָר אַלט, און די מאַמע אויגלט און צערטלט אים, ווי ער זאָל זיין אַ קליין קינד.

עס איז אים געווען אַזוי דערווידער אַז ער איז איין מאָל אַנטלאָפן פון דער היים אין אַ גרויסער שטאָט.

אָפּגעוועזן דאָרט אַ קורצע צייט, און טאַטע־מאַמע האָבן אים טאָג־טעגלעך פאַרוואָרפן מיט בריוולעך.

— „מיין אוצרל, מיין טייער קינד, מיין טרייסט", שרייבט די מאַמע, „קום אַהיים, עס וועט דיר פון פויגל־מילך ניט פעלן..."

ליינענדיק די בריוולעך פון טאַטע־מאַמע פילט חיימקע ווי ער גייט אויס, עס ווערט אים אַזוי שלעכט... אי ער האָט רחמנות אויף טאַטע־מאַמע, אי עס עקלט אים זייער צערטלעכקייט... אָבער דאָס רחמנות־געפיל געווינט, און חיימקע פאָרט אַהיים.

און אַז די מאַמע האָט אים דערזען, איז זי אים אויפן האַלדז אַרויפגעפאַלן, געקושט, געדריקט אים צום האַרצן, געוויינט.

— מיין טייער קינד, מיין גאָלד! פאַר וואָס האָסטו אונדז פאַרלאָזט, האָט דיר דען עפּעס געפעלט? זאָג, זאָג.

אָבער חיימקע קען ניט ריידן. ער קען זיי ניט ווי טאָן... דער מאַמעס טרערן האָבן אים אַזוי צעבראָכן, אַז ער האָט אויך ביטערלעך געוויינט.

און טאַטע־מאַמע ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט אים. נאָך טייערער, ווי פריער, ווערט ער זיי, און נאָך מער ווי פריער, גייען זיי אים נאָך. עסט ער, זיצט די מאַמע אַנטקעגן אים:

— עס, מיין קינד, פאַרוואָס עסט דו ניט?

און חיימקע פילט ווי ער גייט אויס. הויבט ער אויף די אויגן און וויל אַ קוק טאָן ערגעץ, שלאָגט ער זיך אָן אין דער מאַמעס אויגן, ווי זי קוקט אויף אים.

גייט ער ערגעץ אַרויס, גייט אים די מאַמע נאָך: „זע, מיין קינד, ניט פאַרקיל זיך, טו זיך גוט אָן, נאַ נעם אַ שאַליקל, אַ באַשליק, וויקל זיך גוט איין..."

קומט ער ווינטער צייט פון גאַס, שטייט שוין די מאַמע ביים טיר און וואַרט, כאַפּט אַראָפּ זיין מאַנטל און נעמט צו דעם שאַליק. „ווו ביסטו, קינד מיינס, געוועזן?"

און ביי חיימקע אין האַרצן קאָכט. ער קען ניט רעדן, עס בלייבן די ווערטער אים שטעקן אין האַלדז...

ביינאַכט איז ניט אויסצוהאַלטן, יעדע מינוט לויפט די מאַמע צו, דעקט אים איין, לייגט אים קישנס אויף די פיס: „נעבעך, פויגעלע", שעפּטשעט זי שטיל, כדי אים ניט אויפצו־

וועקן. אָבער חײמקע שלאָפט ניט. ער זעט און פילט ווי די מאַמע שטײט איבער אים, ווי איבער אַ בר־מנן, און שטיל אין זיך ווײנט ער.

גיט חײמקע אָפּטמאָל פון שלאָף אַ הוסט, קערט זיך וועלטן... די מאַמע טרעט שוין פון זײן בעט ניט אָפּ.

— וואָס איז דיר, חײמקע, וואָס איז דיר, קינד מײנס, טוט דיר דאָס הערצעלע ווײ? דאָס קעפּעלע?

און גלײך דערפילט ער ווי די מאַמע טאַפּט אים שוין דעם קאָפּ...

— אפשר, טײער קינד, רופן אַ דאָקטאָר, האַ?

און חײמקע גײט אויס ווי אַ ליכט, ער פילט, אַז טאַטע־מאַמע וועלן אים קראַנק מאַכן

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אײנמאָל איז חײמקע טאַקע קראַנק געוואָרן, און ווו נאָר אַ דאָקטאָר אין שטעטל איז געווען בײ אים...

אַ היץ־קרענק האָט ער, האָבן די דאָקטוירים פעסטגע־שטעלט. נו, קערט זיך אַ וועלט. אין די בתי־מדרשים לויפט חײמקעס מאַמע, מען רײסט קברים, מען דינגט תהילים־זאָגער...

און חײמקע רעדט פון היץ, שילט טאַטע־מאַמע:

„איר האָט מיך געהרגעט!“ — האָט ער פון היץ גע־שריגן.

און טאַטע־מאַמע טרײסלען זיך, ס׳קלאַפּט זײ אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שרעק, זײ פילן אַזוי ווי זײ וואָלטן שולדיק

געוועז, מסתמא ניט גוט צוגעזען, ניט אַכטונג געגעבן גוט געבוג.

חיימקע רייסט זיך פון בעט, צום טאַטן, צו דער מאַמען — וויל זיי שלאָגן.

איינמאָל האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט צו דער מאַמען, און איר אַ שטאַרקן זעץ געגעבן — פון היץ.

ביי דער מאַמען איז די גאַנצע באַק געשוואָלן געוואָרן, און אַ גרויסער סיניאַק איז פאַרבליבן... די מאַמע איז צופרידן, אַבי געזונט זאָל ער איר זיין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די געפאַר איז אַריבער. חיימקען איז בעסער געוואָרן און די היץ האָט זיך פאַרקלענערט.

טאַטע־מאַמע ווייסן ניט וואָס צו טאָן פון שמחה, אין פּושקעס געלט געוואָרפן, געשענקט נדבות — אַלץ, אַלץ געטאָן...

„איך דאַנק דיר גאָטעניו, איך דאַנק דיר", האָט חיימס מאַמע געדאַנקט גאָט, האַלטנדיק די הענט צום הימל... און טרערן גיסן זיך פון אירע אויסגעוויינטע אויגן...

און חיימקע איז שוין באַלד אינגאַנצן געזונט; ער קען נאָך אפילו ניט אַראָפּגיין, און די מאַמע וועט עס סיי ווי ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל אַראָפּ פון בעט צו פרי — חלילה זיך פאַרקילן אַ צווייט מאָל.

איין מאָל איז חיימקע אַזוי געזעסן אין בעט, די מאַמע זיצט לעבן אים, און קוקט אויף איר געפונענעם אוצר.

חיימקע באַטראַכט די מאַמע: אַזוי דאַר געוואָרן, ניט צו דערקענען זי, אַזוי בלאַס אויסגעהושכט, ער דערזעט ביי דער מאַמען אַ בלויען צייכן אויף דער באַק.

— מאַמע, פרעגט ער, — וואָס איז דאָס פאַר אַ צייכן, אויף דער באַק ביי דיר?

די מאַמע האָט געשוויגן; אָבער חיימקע ווייס, פאַרשטייט, אַז מסתמא האָט ער איר דאָס געמאַכט, פון היץ, דעם צייכן.

און אַ געפיל פון רחמנות נעמט אים דורך... אָבער גלייך דערמאָנט ער זיך אין איר צערטלעכקייט, פון וועלכער עס ווערט אים ניט גוט, און אַ געפיל פון עקל רייסט זיך אַריין צו אים אין האַרצן...

און חיימקע איז שוין געזונט, און ליידט נאָך פון טאַטע־מאַמעס אויפמערקזאַמקייט, נאָך מערער ווי פריער, ער קען זיך קיין ריר ניט טאָן, ווו די מאַמע זאָל אים ניט נאָכגיין.

אָבער אַנטלויפן, ווי ער האָט עס איין מאָל געטאָן, קען ער ניט; ער האָט קיין מוט ניט, אַ רחמנות, אַ רחמנות אויף זיי...

און דער רחמנות וועגט אַריבער אַלע זיינע אַנדערע געפילן.

אַ שטאַרקער קאָנקורענט

ביידע ליבן זיי ליזען, און ביידע גייען זיי אַריין צו איר. איינעם פון זיי רופט מען מאַקס. אַ געשעפטס־מאַן איז ער, אַרבעט פאַר אַ פירמע, ווייסט נאָר ווי צו מאַכן אַ דאָלאַר. גייט געקליידט פיין, מיט אַ גאָלדן זייגערל, אַ בריליאַנטענע שפּילקע אין שניפּס. זיין פּנים איז ניט מיאוס, אַ שטאָלצ־קייט, אַ זאַטע זעלבסטצופרידנקייט ליגט שטענדיק אויסגע־גאָסן אויף זיין פּנים.

דער צווייטער איז הערי. ער איז שוין אַן אידעאַליסט, מיט לאַנגע צעשויבערטע האָר, אַ קאָלנער ניט צו דער־קענען אויב ער איז ווען גאָר ווייס געווען. פון קיין מאַנטל האָט זיך אים אפילו קיין מאָל ניט געחלומט, און ניט צו פאַרקילן זיך, האַלט ער שטענדיק אָנגעשטעלט דעם קאָלנער פונעם רעקל, און פאַר איינס זעט שוין קיינער ניט ווען ער גייט דורך דער גאַס, וואָס פאַראַ קאָלנער אונטן איז.

אַביסל צרהדיק איז מיט זיינע שיך. זייטיקע ווייסן אפילו ניט, וואָס אונטן טוט זיך, ווייל דער אויבן פון די שיך איז דאָס רוב ביי אים גאַנץ, נאָר אונטן, אונטערן שוך בלאָזט אַריין אַ ווינטל. פאַרן ווינטל וואָלט ער שוין קיין מורא ניט געהאַט, נאָר פאַר פייכטקייט ציטערט ער, איבערהויפּט ווען ער דאַרף גיין אין אַ הויז, און אויפן דיל בלייבן פיס מיט פינגער.

נאָך דאָך פאַלט הערי ביי זיך ניט אַרונטער. אין אַזאַ געזעלשאַפט ווי מיט מאַקסן, איז טאַקע ניט גוט, אמת ביטער.

ער פילט זיך דאָרטן עפּעס ווי אַ יינגל, אַ גאָרנישט, אַ לא יוצלח, וואָס טויג צו קיין זאַך ניט. נאָר ביי אייגענער חברה איז ער ניט אַבי ווער: מען רעכנט זיך מיט זיינס אַ מיי־נונג, מען ווייס, אַז אין די שוואַרצע פינטעלעך קען ער זיך צו יעדער צייט פאַרהערן מיט יעדן איינעם.

ליזען האָט ער ליב מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה. מיט ריינער ליבע, ניט ווי מאַקס: ווייל משטיינס געזאָגט, קען אַ ביזנעס־מאַן ליבן?

און הערין ווערט מאַקס אַזוי עקלדיק, אַז ער שטעלט זיך פאָר, אַז ווען ער איז ליזע, וואָלט ער אים אַרויסגע־שטויסן, אַז זיין פוס זאָל מער ניט אַריינקומען אַהין...

אים האָט זיך שוין טויזנט מאָל געוואָלט ריידן צו ליזען וועגן מאַקסן, דערקלערן איר וואָס עס הייסט ליבע, ווי אַזוי מען דאַרף ליבן: ער איז דאָך אַזוי באַקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע פון ליבע...

אָ, האָט ער איינמאָל צו זיך אויסגעשריען, ווען זי באַ־גרייפט נאָר מיין ליבע צו איר, ווען זי ווייסט נאָר, אַז אין פייער וואָלט איך פאַר איר געגאַנגען, מיין לעבן וואָלט איך צו יעדער צייט איינגעשטעלט פאַר איר... און מאַקס? ווי קומט ער צו איר?

קענען גאָר אַזעלכע געפילן ביי אים אַרויפקומען? האָט ער דען אַזאַ האַרץ, אַזאַ ליבע זאָל קענען אַריינדרינגען?

ער האָט ביי זיך אין די געדאַנקען געוויגן און געמאָסטן זיין ליבע און מאַקסעס, און זיינע האָט אַלץ איבערגעוויגן; דאָך האָט אים אין האַרצן גענאָגט — ס׳האָט אים זיין האַרץ רק געציטערט אַוועקמאַכנדיק מאַקסן מיט דער האַנט.

ער האָט דערפילט ווי זיינע ליפּן קאָרטשען זיך איין, אַ ציטער לויפט דורך זיין קערפער, און זיינע פריערדיקע געדאַנקען פון גרינגשעצונג פון מאַקסן, פאַרשווינדן... פון זיין ריזיקער ליבע, פון וועלכער ער האָט נאָר וואָס געטרוימט, איז גאָרנישט געבליבן, ער אַליין האָט זיך דערפילט ווי עפּעס אַ נעבעכל... ביי זיך אין די אויגן האָט ער זיך דערזען ווי אַ קאַרליקל, אַ קליין מענטשעלע, מיט צעריסענע שיך, מיט אַן אָפּגעטראָגן רעקל, פון וואַנען עס סטאַרטשעט אַרויס אַ ברודיקער קאָלנער, אַ לא יוצלח, אָן בילדונג, אָן קענטשאַפט, אָן געלט...

ער דערמאָנט זיך: ער קומט איינמאָל צו ליזען. שטיל קלאַפּט ער אָן אין צימער ביי איר. „קאם אין, אַריין, אַריין", ענטפערט זי. ער גייט אַריין, דערלאַנגט איר די האַנט. מאַקס וועלכער געפינט זיך גראָד ביי ליזען גיט אויף אים אַ קוק פון אויבן אַראָפּ, און פון העפלעכקייט פרעגט ער אים ווי עס גייט אים. ער ענטפערט, זעצט זיך אַוועק אָן אַ זייט, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ ביכל און פאַרטיפט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט קיין אינטערעס ניט געהאַט מיט זיי צו ריידן.

ער קוקט אין ביכל, אָבער ער זעט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

ער זיצט לאַנג, קוקט אין ביכל אין וועלכן ער זעט קיין זאַך ניט, אים פאַרדריסט שטאַרק פאַרוואָס מאַקס האָט אפילו קיין איינציק מאָל זיך ניט אומגעקוקט אויף אים. ער ווערט שטאַרק אויפגערעגט, און עס ווילט זיך אים עטוואָס באַווייזן כדי מאַקסן זאָל פאַרדריסן.

ער רייסט זיך אָפּ פון ביכל, גיט זיך אַ שטעל אויף, זיפצט

אָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון עפּעס אַ שווערער מי.

— ליזע, אָט דאָס איז אַ בוך, איך זאָג אייך — קונסט. אויב איר ווילט, ליזע, וועל איך אייך אים לאָזן; לייענט אים דורך, אַ שטיק פּערל אין דער ליטעראַטור.

ליזע הויבט אויף אירע אויגן, קוקט אויף הערין, וואַרפט אַ בליק אויף מאַקסן.

— וועמעס איז עס?

— דאָס איז פון אַ פראַנצויזישן שרייבער, איך האָב דאָס בוך געלייענט אַמאָל אין דייטש, איך ווער משוגע פאַר דעם בוך.

ער נעמט אַצינד נקמה פון מאַקסן וועלכער זיצט ווי אַ גולם, אַרונטערגעלאָזן די אויגן.

אין הערין וואַקסט דאָס האַרץ: נו, מאַקס, ווי געפעלט דיר? גוט, מאַקסעלע, האַ?

און הערי רעדט מיט ליזען וועגן דעם בוך, וועגן נאָך אַנדערע ביכער, וועגן דער אידייע פון דעם בוך, וואָס דער שרייבער האָט געמיינט. מאַקס פילט זיך אַביסל נידער־שלאָגן, ער נעמט אַרויס אַ ביכעלע, שרייבט אַריין עפּעס, פאַררויכערט אַ ציגאַר, לאָזט דעם רויך צו הערין, און קלאַפּט מיט די פינגער אויפן טיש...

הערין פאַרשמעקט דער רויך. אים האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט כאָטש אַ שטיקל פּאַפּיראָס. ער פילט אָבער, אַז ווען ער גיט אַ בעט, דרייט זיך איבער דאָס רעדל, און מאַקס ווערט דער העלד.

מאַקס פאַרשטייט דאָס, און ער נעמט אַרויס אַ ציגאַר,

דערלאַנגט הערין. הערי פאַררויכערט, אַלץ נאָך רעדנדיק מיט ליזען.

— ווי געפעלט אייך דער ציגאַר ?

הערי וואָלט ניט וועלן ענטפערן, דאָך גיט ער אַ קוק אויף דעם פּאַפּירל אין וועלכן דער ציגאַר איז איינגעוויקלט :

— האַוואַנאַ ? וווּנדערט זיך הערי.

— פופציק סענט אַ שטיק.

ליזע ווערט אויך פאַראינטערעסירט. מאַקס נעמט אַרויס דעם גאַנצן פעקל, ווייזט איר און פאַנגט אָן צו דערציילן פון זיינע אויפטועכצן... ער שילדערט איר זיינע געשעפטן, וויפל געלט ער מאַכט, ער ווייזט איר זיין טשעק ביכל, אַ שטיקל סחורה פון אַ סוט וואָס ער האָט געגעבן מאַכן ביי אַן אָנגעזעענעם שניידער... און נאָך אַזעלכע זאַכן.

הערי האָט דערפילט ווי ער האָט פאַרלאָרן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון ליזען. ער האָט זיך שטיל אָוועקגע־זעצט אין טיפן שטומען.

— וואָלט ניט געווען אַ פּלאַן, אַ לעב טאָן ? — רופט זיך אָפּ מאַקס : מען דאַרף עפּעס נעמען אין מויל. הערי איר וועט עפּעס אַרויפטראָגן, נאַט אייך געלט.

און הערין ווערט אַזוי שלעכט. ער פילט זיך אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. ער ווייס ניט וואָס צו טאָן. ליזע שטימט צו, און ניט ווילנדיק נעמט הערי דאָס געלט פון מאַקסעס האַנט. הערי שטעלט אויף זיין קאָלנער און גייט אַרונטער. אים ווערט פינצטער אין די אויגן און ער פילט ווי אַ שווערע משא דריקט אים גייענדיק...

ער ברענגט אַרויף פֿאַרשידענע עסנוואַרגן אָבער אַליין זאָגט ער זיך אָפּ פֿון עסן: ער וויל מיט דעם ווייזן אַז אים איז ניט צום האַרצן מאַקסעס גוטסקייט...

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ניט לאַנג צוריק האָט מאַקס געשפּאָסט פֿון זיינע צעריסענע שיך, זיין קאָלנער, און ער האָט דאַן אויך געמוזט שטומען און ניט ענטפֿערן, און איז נאָך אַרונטערגעגאַנגען דעם זעלבן אָוונט ווידער עפּעס אַרויפֿ־ברענגען פֿאַר מאַקסן.

— פֿאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? פֿאַרוואָס האָב איך אים ניט אַ שפּיי געטאָן אין געזיכט? מער ניט, מער ניט — האָט ער זיצנדיק ביי זיך באַשלאָסן — פֿאַר מיליאָנען גיי איך מער ניט, עס מעג זיך ענדיקן די וועלט, איך מעג פֿאַרלירן ליזען, אָבער זיין אַ שקלאַף ביי אָט דעם מאַקסן, פֿאַר די עטלעכע לומפּעוואַטע דאָלאַרן וואָס ער האָט... ניין, ניין, ניין!

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען הערי איז אויף מאָרגן אין אָוונט ווידער געקומען צו ליזען, האָט ער באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין, מער גייט ער ניט אין שליחות פֿאַר מאַקסן, ער וועט אפילו אַ סיגאַרעטל ביי אים ניט נעמען...

אין דרויסן איז געווען קאַלטלעך און בלאָטיק, און די פֿיס האָבן זיך אין דער בלאָטע געטשאַפּקעט, און הערי האָט צו גוט ניט געפֿילט. ס'האָט אים געמאַטערט אַ שווערער געדאַנק אין קאָפּ, ער האָט געפֿילט אַז אים וועט אויסקומען אויסצושטיין אַ קאַמף מיט דעם לומפּיקן מאַקסן. ער האָט געטראַכט אַז שיך זיינען טאַקע ניט די גאַנצע זאַך, אָבער

עס איז אָנגענעם. אַז אַ חוץ אַלעמען איז גאַנצע שיך, אַ גאַנץ רעקל, מיט אַ ווייסן קאָלנער אַ גאַנץ גוטער ענין... ער האָט געפילט, אַז ווען ער האָט די אַלע זאַכן, וואָלט ער אמתדיק געלאַכט פון מאַקסן, און וואָס? מיט איינע פינף און צוואַנציק דאָלאַרן וואָלט ער געווען אַ מענטש...

איין פינפערל אין קעשענע, און מאַקס וואָלט פאַר אים געלאָפן, און ביי יענעם וואָלט נאָך אַ כבוד געווען, וואָס ער האָט אים פאַר אַ פריינט; איין פינפערל און ער וואָלט געקענט אויסנעמען ליזען אין טעאַטער, און אין ענלעכע פלעצער...

ער איז אַזוי געווען פאַרטראַכט, אַז ווען ניט אַ שטיק קאַלטע בלאָטע, וואָס איז אַריין צווישן זיינע פינגער, וואָלט ער אַוועק, ווער ווייסט ווו...

אים איז געוואָרן אַזוי הייס — פון ניט קענען פאַרליידן די בלאָטע צווישן זיינע פינגער, אַז ער האָט אַזש געווישט דאָס פּנים פון שווייס, ער האָט געאַרבעט מיט די פיס־פינגער אום אַרויסקוועטשן די בלאָטע.

ליזע האָט אים מיט איר שטענדיקן זיסן קול געהייסן אַריינקומען...

ער האָט זיך אויף גיך געזעצט ביים טיר, ניט וועלנדיק מאַכן קיין איין טריט ווייטער: ער האָט געוווסט וואָס זיין יעדער טראָט מיינט אַצינד...

מאַקס דערזעענדיק אים האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווילט איר זיין אַ פּאַרטנער?

הערי האָט אַ ציטער געטאָן: אָט באַלד פאַנגט זיך אָן זיין ווידערשטאַנד; ער איז ניט זיכער אין זיין שטאַרקייט...

— אין וואָס? — האָט הערי געפרעגט.

— איך האָב גענומען בילעטן אין טעאַטער, דריי שטיק, די בעסטע פּלעצער.

— איך ווייס אָבער ניט, צי איך וועל גיין.

— וואָס, ניט גיין? — האָט ליזע פאַרוווּנדערט געפרעגט — איר מוזט גיין, מיר גייען שוין באַלד... וועט איר אפשר טרינקען אַ גלעזל טיי פאַרן גיין?

— ניין, איך וויל ניט.

ליזע האָט זיך אָנגעטאָן, מאַקס האָט זיך פאַרקעמט די האָר אַביסל, הערי איז נאָך אַלץ געזעסן און געקלערט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה: יאָ גיין, ניט גיין. אַ גאַנצער מישמאַש פון געדאַנקען האָבן זיך אים געדרייט אין קאָפּ, איבערהויפּט האָבן אים געמאַטערט זיינע איינגעבלאָטיקטע פיס, זיין קאָלנער וועלכער האָט זיך שוין אויפגעהערט אפילו צו וואַרפן אין די אויגן פון שוואַרצקייט. אין טעאַטער האָט זיך אים זייער געוואָלט גיין, ער האָט שטענדיק ליב געהאַט טעאַטער, און אַ חוץ דעם קען ער רעדן מיט ליזען דאָרטן וועגן דער דראַמע, וועגן די שוישפּילער, און מאַקס זיצט דאָרט ווי אַ גולם. יאָ, האָט ער באַשלאָסן: גיין.

קומענדיק אין טעאַטער, האָט הערי געהאַט אַביסל אויסצושטיין פון די שיך. ער האָט געמוזט גיין אַזוי, אַז עס זאָל זיך ניט הערן דאָס קוואַקצען פון די שיך, און דאָך זיינען געבליבן סליאַדן פון זיינע פיס אויפן דיל. מיט צרות האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אויף זיין פּלאַץ, געזעצט זיך, און געוואַרט ווען די שפּיל וועט זיך אָנפאַנגען.

נאָכן ערשטן אַקט האָט מאַקס עפּעס גערעדט מיט ליזען; הערי איז געזעסן און געשוויגן.

— הערי — האָט זיך צו אים אָנגערופֿן מאַקס, גיט אַ טאַנץ און ברענגט אַ באַקסל שאָקאָלאַדע, אָדער אַנדערע צוקערקעס, וואָס וועלן מיר אַזוי זיצן.

הערי האָט פֿון כעס אַזש פֿאַרקריצט מיט די ציינער, אָבער ס׳איז געווען פֿון יענעם סאָרט כעס, וואָס לאָזט זיך ניט רײדן, וואָס לאָזט זיך ניט שרייען.

מאַקס האָט אים געגעבן געלט, הערי איז ניט ווילנדיק אַרויס...

— עסט, נו — האָט זיך מאַקס צו אים אָנגערופֿן.

ער האָט דערפֿילט, אַז ער איז אַ ריכטיקער שקלאַף פֿאַר דעם מאַקסן, דאָס בעטן עסן איז אויך געווען ווי מען בעט אַ באַדינער. ער האָט אָבער ניט געגעסן, דערקלערנדיק, אַז אים טוען וויי די ציינער ווען ער עסט זיסקייטן...

מיט צרות איז הערי אויסגעזעסן די גאַנצע צייט פֿון דער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג, אַרויסגייענדיק פֿון טעאַטער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי, דערקלערנדיק, אַז ער מוז אַריינגיין אין אַ פּלאַץ פֿאַר אַ שעה...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער איז גע־גאַנגען צו ליזען, פֿון זיינע חלומות וועגן אַ ווידערשטאַנד האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן, און ווער ווייס, ס׳קען זיין אַז ביז היינט וואָלט ער זיי באַדינט...

אָפּטמאָל זיצט ער ביי זיך אין צימער, חלומט נאָך אַלץ וועגן ליזען, פֿון ליבע, פֿון גייסטיקער ליבע, אָבער דער־מאָנט ער זיך אין מאַקסן, גיט ער אַ שוידער: ער דערזעט זיך אין זיינע צעריסענע שיך, אין זיין שוואַרצן קאָלנער, אָן אַ מאַנטל.

נאָר פֿון מער גיין אַהין, טראַכט ער שוין ניט.

אויסגעדרייט זיך

(אַ האַלב שבועותדיקע דערציילונג)

אמת, טאַקע צוגעמאַטערט זיך עטלעכע מאָנאַטן; מיט פאַרשידענע איינפאַלן און קונצן זיך באַנוצט, אָבער דערפאַר טאַקע אויסגעדרייט זיך פון קולות און קלעפּ, און געבליבן אַליין גאַנץ, און מיט גאַנצע ביינער.

און צוליב וואָס? צוליב אַ ריס, וואָס מען האָט געקענט פאַרנייען אַז קיינער זאָל ניט דערקענען, און עס זאָל ניט קענטיק זיין אינגאַנצן.

די צרות האָבן זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען אַ טאָג פאַר שבועות, אָדער ערב שבועות. די מעשה איז אַזוי געווען.

אויף פסח האָט מען מיר קיין גאַרניטערל ניט געמאַכט. דאָס איז געווען, ווייל דער טאַטע מיינער האָט קיין שטעלע ניט געהאַט. ערשט נאָך פסח האָט ער זיין נייע שטעלע געקראָגן, און גלייך טאַקע ווי ער האָט אָפּגענומען די עט־לעכע רובל, האָט ער געשיקט נאָך אַ שניידער, אַז ער זאָל גיין מיט מיר אין קראָם אויסקלייבן וועלכע ס'איז סחורה פאַר אַ גאַנצן גאַרניטערל.

מיר האָבן גענומען אַ טייערע סחורה: דער טאַטע, גע־דענק איך, האָט געזאָגט, אַז דאָס קאָסט אַ שלל מיט געלט.

ווען דער שניידער האָט מיר גענומען די מאָס, האָב איך זיך דערפילט ווי אַ נייער מענטש. ווען ער האָט מיט זיין מעסטל געמאָסטן מיר די פּלייצע, די אָרעמס, האָב איך אַזש פון שמחה געוואָלט טאַנצן.

נאָר ווען ער האָט מיר מיט זיין מעסטל באַרירט אונטער די פּאַכוועס, האָב איך געלאַכט, פאַרשטענדלעך אַז ער האָט געמיינט אַז איך לאַך ווייל ער קיצלט מיך אומגערן מיט זיין האַנט, אָבער אַ ליגן, אַ גרויסער ליגן; איך האָב קיין מורא ניט פאַר קיצלען, און גראָד ער האָט מיר ניט באַרירט אַזוי אַז איך זאָל לאַכן, נאָר ביי מיר אין האַרצן האָב איך שוין געוווסט, וואָס מיין געלעכטער באַדייט: גליק און צו־פרידנקייט.

אָפּגעבראַכט מיר דעם גאַרניטערל, האָט „הירשקע קריי״, אַזוי האָט מען גערופן דעם שניידער, אַ טאָג פאַר שבועות נאָך. איך געדענק — ווען איך האָב אים דערזען פון דער ווייטן גייענדיק, בין איך אַריינגעלאָפן פאַרסאָפּעט אָן אַן אָטעם, און כלומרשט ערנסט קאַלט־בלוטיק אָפּגערופן זיך צום טאַטן, וועלכער איז געקומען אַהיים פון זיין שטעלע אַ טאָג פאַר יום־טוב, אַז דער שניידער דאַכט זיך טראָגט מיין גאַרניטערל.

דער טאַטע האָט אויף מיר אַ בייזן קוק געגעבן, באַטראַכט מיך ערנסט און גאַנץ שטיל, און זיך צו מיר אָנגערופן:

— ביי דיר מסתמא, וועט באַלד קיין געדעכעניש פון גאַרניטערל ניט בלייבן. וועסט ווי דיין שטייגער באַלד אַרויפ־קריכן אויף אַ פּאַרקן און אויס מיטן גאַרניטערל...

איך האָב זיך דעם אמת זאָגנדיק זייער שטאַרק באַליי־דיקט. דער כעס אויפן טאַטן האָט אין מיר געברענט: סטייטש. ער נעמט און מאַכט מיין „איך״ ווי אַ ציבעלע, און אין יענער רגע האָט איך געפילט, אַז ווען איך האָב גענוג מוט, וואָלט איך אַ שפּיי טאָן, און דעם גאַרניטערל וואָלט איך אפילו ניט אָנגעמאָסטן...



ניט לאַנג אָבער האָט דער כּעס אין מיר אָנגעהאַלטן. דערזעענדיק דעם שניידער מיטן ייִנגל, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן, און אויף זיין רעכטער האַנט גע־טראָגן מיין גאַרניטערל, האָב איך אין אַלעם פאַרגעסן. נאָר פונדעסטוועגן בין איך גאַנץ קאַלטבלוטיק געשטאַנען און געוואַרט ביז דער טאַטע אָדער דער שניידער וועט מיר הייסן אים גיין אָנמעסטן.

זעענדיק, אַז דער טאַטע האָט זיך גאָר פאַררעדט מיטן שניידער וועגן בעל־הביתישע ענינים, און אויף מיר קוקן זיי זיך ווייניק אום, האָט עס מיר שטאַרק פאַרדראָסן.

זיי האָבן גאָט צו דאַנקען געענדיקט און דער טאַטע האָט מעשה בעל־הבית צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס שטייסטו? ער האָט מיינסטו צייט צו שטיין דאָ?

— איך פויל זיך איבערצוטאָן, זאָג איך, און פיל ווי איך זאָג ליגן, און קוים וואָס ריר זיך פון אָרט.

— אָבי דו וועסט זיך ניט פוילן צערייסן אים, זאָגט צו מיר דער טאַטע.

און ביי מיר אין האַרצן פיל איך, ווי עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט, אי פון שאַנדע, אי פון כּעס, און מיר דוכט זיך, אַז דער שניידער מיטן ייִנגל לאַכן ביי זיך אין האַרצן פון מיר.

— וואָס שטייסטו, תּכשיט מיינער, שרייט שוין דער טאַטע מיט כּעס. מעסט שוין אָן.

אין כּעס, אָן חשק, בין איך אַריין אין קאַמער איבערטאָן זיך אין דעם נייעם גאַרניטערל, און אַרויס פאַרשעמטערהייט אין צווייטן צימער, האַלטנדיק די אויגן אַרונטער, ווו דער

טאַטע דער גזלן מיטן שניידער און זיין יינגל זיינען געשטאַנען. אָבער דערזעענדיק זיך אין שפּיגל איז דער כעס פון מיר אַוועק, אַזאַ צויבער האָט דער נייער בגד אויף מיר געמאַכט.

דער שניידער האָט אָנגעפאַנגען מיך אַרומדרייען פון אַלע זייטן, געצויגן די פּאָלעס, די שולטערס געקניפּן, און ער האָט מיר גענומען שוין צושפּיליען די קנעפּלעך, און אויף אַ מינוט האָט ער מיר געהייסן שטיין גלייך, ניט באַוועגן זיך, האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן, הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

— מיר דוכט זיך, — רופט זיך אָפּ דער טאַטע — אַז פון הינטן ליגט ער ניט גלייך, און כאַפּט אַביסל צו שמאָל...

נו, קלער איך ביי זיך אין האַרצן, (און שילט פאַר איינוועג דעם אייגענעם טאַטן), מסתמא וועט ער שוין זען, אַז איך זאָל קיין גאַרניטער ניט האָבן אויף יום־טוב.

— הויב אויף די הענט, — זאָגט צו מיר דער טאַטע. איך הויב אויף. — ס׳קוועטשט? — ווו? — פרעג איך, און מאַך זיך ווי תמ׳עוואַטע כדי אים אָפּצונאַרן, אַזוי ווי איך וואָלט ניט פילן, אַז אונטערן פאַכווע שטייפּט מיר.

— אָט דאָ אונטן, — ווייזט ער מיר אָן ביי זיך אונטערן אָרעם.

— מיר קוועטשט ניט, ענטפער איך קאַלטבלוטיק. איך גיב זיך אַ דריי: — ער איז אַביסל צו ברייט זאָג איך קאַלט.

— אַ דייטש ביסטו, וואָס? ס׳איז גוט אַזוי, שמאָלינקע ווילט זיך אים, ער זאָל גיכער קענען צערייסן.

גוט, קלער איך, זאָל ער מיינען אַז דאָס גאַרניטערל איז צו ברייט, וועט דער טאַטע דערווייל פאַרגעסן וועגן דער פאַכווע וואָס קוועטשט מיר אַביסל...

שוין געענדיקט, קלער איך, און וויל שוין וואָס גיכער אויסטאָן זיך און באַהאַלטן דאָס נייע רעקל מיט די מייט־קעס, נאָר ניין, דער טאַטע וויל נאָך אַלץ אַביסל מיר אַרויס־ציען דאָס געזונט.

— גיי רוף אַריין די מאַמע, — רופט ער זיך אָפּ, — מיר וועלן הערן וואָס זי וועט זאָגן.

נאָך אַ צרה, קלער איך, אויף מיר, דעם טאַטן, שוין ווי עס איז אָפּגעפּטרט, ווי ווערט מען אָבער פּטור פון דער מאַמען? ווי פּאַרדרייט מען איר דעם קאָפּ? אַי, די מאַמע....

ערשטנס, פּאַרשטייט זי זיך אויף געניי, און צווייטנס, קען זי אַ וואָרף טאָן דאָס גאַרניטערל דעם שניידער אין פּנים אַריין, און ווידער אויס גאַרניטער!

איך בין אַריין אין קיך צו דער מאַמען, געוויזן איר די הויזן מיט דעם רעקל, און איר גלייך דערציילט אַז די מייטקעס זיינען צו ברייט. איך האָב געוווסט אַז די מאַמע האָט ליב אַז בגדים זאָלן זיין וואָס ברייטער, צוליב אונטער־וואַקסן און אויך צוליב וואַשן, עס זאָל ניט ווערן צו שמאָל איינלויפנדיק.

מיר האָט זיך איינגעגעבן דער ליגן, איר צופרידנהייט וואָס עס איז אַביסעלע ברייטער, האָט שוין איר אָפּגעהאַלטן פון זוכן אַנדערע חסרונות.

זי איז גלייך אַריין מיט מיר אין צימער ווו דער טאַטע און דער שניידער זיינען געזעסן און גלייך געקוקט אויף די מייטקעס, וועלכע האָבן אין אירע אויגן אויסגעקוקט טאַקע ברייטלעך.

— מאַמע, — רוף איך זיך אָפּ מיט אַ רחמנות פּנים און

האַלט די קאַלאַשע פון די הויזן אין די הענט — זע עס איז דאָך ווי אַ זאַק די ברייט.

— גאַנץ גוט — האָט די מאַמע אַ צופרידענע געזאָגט.

— נו, און די קאַפּאָטקע, — רופט זיך אָפּ דער טאַטע, ווען די מאַמע האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין. ווידער ציטערט מיר מיין האַרץ, זי זאָל ניט כאַפּן זיך, ווי ענג עס איז מיר אונטערן אָרעם... צום גליק מיינעם האָט זי ניט געקוקט, ווי אַזוי דאָס ליגט, נאָר אָננעמענדיק די קאַפּאָטקע און רייבנדיק, ווי מען רייבט וועש, האָט זי געפרעגט דעם שניידער: — ווי דענקט איר, דאָס וועט זיך וואַשן גוט?

— שייך גוט, — רופט זיך אָפּ דער שניידער, נאָך בעסער ווי לייוונט.

די מאַמע האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אונטער די פּאַכוועס, האַלטנדיק אין באַטראַכטן דאָס קאַפּאָטקעלע, צי עס שטייפט ניט, נאָר גליקלעכערווייזע האָט דאָס טעפּל, וואָס האָט זיך געקאָכט אין קיך גענומען לויפן, מיך געראַטעוועט. זי איז אויף גיך אַוועקגעלאָפן אין קיך, פאַרגעסנדיק מיר אפילו זאָגן „טראָג עס געזונטערהייט"!

ווי אַ שטיין איז מיר אַרונטער פון האַרצן, דאָס רעקל האָב איך גלייך אויסגעטאָן און אויפגעהאָנגען, נאָר די מייטקעס האָב איך נאָך אַלץ געטראָגן.

איך האָב אפילו איינמאָל, גלייך ווי דער שניידער איז אַוועק פון הויז, געהאַט אַביסל שרעק, נאָר עס איז אַריבער־געגאַנגען. זעצנדיק זיך, האָב איך געפילט ווי עטוואָס האָט עפּעס אַ ריס געטאָן, נאָר מיט אַ הוסט אין זעלבן מאָמענט, האָב איך דעם אומגליק פאַרשטיקט, און שפּעטער אַ ווײַלע,

אַריינגעייענדיק מיט אַ זייט אין קאַמער אַריין, און דאָרטן באַקוקנדיק, האָב איך אויסגעפונען אַז מיין שרעק איז געווען אומזיסט און אַזוי בין איך ווי עס איז דורכגעקראָכן מיטן גאַרניטערל.

און אויף שבועות, דאָס הייסט, מאָרגן בייטאָג וועל איך גיין אין גאַס מיט אַ נייעם גאַרניטער. איך האָב געקוואָלן פון נחת.

אָבער מיין אומגליק, מיין שרעקלעכער אומגליק איז געקומען ערב שבועות, ווען מען האָט שוין אין הויז אַלץ צוגעקליבן און אַלץ האָט אויסגעקוקט יום־טובדיק.

איך האָב פאַרנאַכט זיך אָנגעטאָן, אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, געקוקט אויף זיך, געשמייכלט און זיך געהיט, ניט צו זעצן זיך.

וועגן ענג זיין איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אונטער די אָרעמס האָט ווי געשציפּעט, און די מייטקעס האָבן מיר אויך קיין סך פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט, אַלע ווײַלע האָב איך געמוזט זיי אָפּציען פון לייב...

צו גיין אין שול איז נאָך געווען אַ היבש ביסל צייט. די זון האָט זיך נאָך ניט גענומען אַרונטערלאָזן, און איך בין אַביסל אַרויס פון הויז באַקוקן די גאַס און אין דער זעלבער צייט טאַקע זיך באַווייזן אין מיין נייעם גאַרניטער...

אין גאַס איז געווען פריילעך. חברה ייִנגלעך זיינען גע־שטאַנען לעבן גרויסן בוים וואָס וואַקסט ביי אונדז אין גאַס. אַנדערע האָבן געקלאַפּט מאַיסקע זשוקעס פון בוים; אַנדערע, פאַרקערט, האָבן אַרונטערגעקלאַפּט „סנעסקעס", אַזאַ מין גרינינקע בלעטעלע, וואָס מען טוט אָן אויפן נאָז; אַנדערע האָבן סתם געקוקט אַרויף אין דער וועלט אַריין.

גאַנץ קאַלטבלוטיק, מעשה גרויסער מענטש בין איך צוגעגאַנגען נענטער, און אַ טומל און אַ געשריי האָט זיך געטראָגן פון אַ קופּקע חברה, וועלכע האָבן זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט.

— אָה, זע אויף משהקען, האָט זיך חברה אַווענד געטאָן צו מיר.

— אַ נייער גאַרניטער, רופט זיך אָפּ שמואלקע מענדעס.

— טשעפּע זיך אָפּ, אסור אויב מיר אַרט, די זעלבע זאַך, איר מיינט טאַקע אַז איך האַלט זיך גרויס.

אַזוי ריידנדיק, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, בין איך שוין געשטאַנען אין מיטן פון דער חברה, און גיך טאַקע האָב איך פאַרגעסן וועגן גאַרניטער.

— ווער אויף טשיקאַוועס וואָלט געקענט אַרויפקלעטערן אויף דעם בוים? — האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן איצקע לייב שייקעס.

איך האָב באַטראַכט דעם בוים מיט אַן אויג פון אַ מבין, און ווי אַ מענטש מיט אויסרעכענונג, האָט איך זיך אָפּגערופן: „איך וואָלט געקענט"!

— עס כאַפּט זיך אויס בערקע, נחום די צינס — ווי וואָלסט דו טאָן מיטן סוק?

— מיטן סוק? וואָס מיינסטו איך בין אַזאַ פיזיק ווי דו?

און דאָ, ווער איך שוין אין כעס, פאַרגעס, וווּ איך בין אין דער וועלט, און קריך; איך פיל ווי די פיס באַרירן זיך ניט, הענגען אין דער לופטן, און אָט איז שוין דער סוק. איך גיב זיך אַ גוטן הויב, און ווי אַן אָדלער זיץ איך שוין

אויפן סאַמע סוק. חברה שטייען אונטן און קוקן אויף מיר מיט קנאה, יעדער פון זיי פּרוווט קלעטערן, און ס׳גייט ניט. אויפן צווייג זיצנדיק האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז איך טראָג דעם נייעם גאַרניטער, נאָר זייענדיק גליקלעך און צופרידן פון מיין זיג, האָב איך שוין קיין סך ניט געטראַכט וועגן מיין נייעם בגד.

פּלוצלונג איך זיץ אַזוי, און חברה קוקן אַרויף, ריידן צו מיר און פרעגן מיך ווי ווייט איך זע אויבן אויפן בוים זיצנדיק, אַנדערע בעטן מיר רייסן זיי סנעסקעס, און אַרונ־טערוואַרפן, ערשט איך הער קולות: משהקע, משהקע! גיי־כער אַרונטער, דיין טאַטע גייט!...

ווי אַ בליץ האָב איך זיך אַרונטערגעכאַפּט פון דעם בוים, אַריינגעכאַפּט זיך דורכן פּאַרקאַן אין אַ גאָרטן, און פון דאָרטן אַוועק אַהיים.

פון שרעק און פון פיל פרייד און שמחה, וואָס דער טאַטע האָט מיך ניט געזען, האָב איך ניט געפילט אַז איך בין פּאַראומגליקט געוואָרן. ווען איך האָב זיך אַביסל באַ־רואיקט און געקומען צו זיך. האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מיין גאַרניטער. מיין האַרץ האָט זיך ווי אָפּגעריסן, און די אויגן אין מיר זיינען פאַרפינצטערט געוואָרן, פון שרעק בין איך געוואָרן ווי פאַרגולמט. ביי דער קלאַפּע פון סאַמע רעכטן אָנזען, איז געווען אַ גרויסער ריס. איך האָב גע־פילט אַז איך וועל לויפן זיך טרינקען אָדער אַנטלויפן ערגעץ ווייט, ווייט פון דאַנען, וו קיין לעבעדיקער מענטש איז ניטאָ. דער קאָפּ איז ביי מיר געווען אַזוי צעמישט, אַז איך האָב קוים באַגריפן ווי גרויס מיין אומגליק איז. און בילדער, איינע שוידערלעכער פון דער אַנדערער שוויבלען

און גריבלען זיך דורך מיין פֿאַנטאַזיע און עקבערן מיר מיין מוח.

וואָלט דער ריס אַנדערש ווי געווען, וואָלט איך אפשר קענען פֿאַרשטעלן, פֿאַרנייען און זיי וואָלטן דאָס ניט באַ־מערקן. וואָס טו איך?

וואָלט איך געקענט ערגעץ אַרויסגנבענען געלט, וואָלט איך געלאָפֿן צום שניידער אָט שוין טאַקע, און געגעבן אים וויפֿל ער וואָלט געוואָלט, אַבי ער זאָל מיך אַרויסנעמען פֿון אומגליק, אָבער דאָס איז בלויז אַ פֿאַנטאַזיע, וואָלט איך כאָטש געקענט אַריינגיין אין הויז אָבער ווי אַזוי?

אין אַ שרעקלעכער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע בין איך געווען, און קיין איינציקער אויסוועג איז ניטאָ.

דער טאַטע איז אפֿילו אין הויז ניטאָ, בלויז די מאַמע מיט די קליינע קינדער, און ס׳קען זיין, אַז די מאַמע איז אין קיך, און איך וועל קענען ווי עס איז זיך אַריינכאַפּן אין הויז, אָבער טאָמער ניט? שלעכט!!!

און טרערן האָבן זיך געשטעלט מיר אין די אויגן.

איך מוז דאָך אָבער אַריינגיין אין הויז. איך האָב באַ־שלאָסן אַריינצוגיין מיטן פּלייצע צום טיר, און מיטן פּנים צום גאַס... איך וועל זען, טאָמער גייט מיר אָן די מאַמע אַנטקעגן, וועט זי גאָר ניט באַמערקן, ווייל מיר וועט דאַן אויסקומען צו פֿאַרמאַכן די פֿאָר־הויז טיר ריכטיק ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין הויז וועל איך שוין קענען אויסטאָן דעם רעקל און באַטראַכטן, וואָס איך קען טאָן. ניט באַ־מערקט פֿון דער מאַמע, וועלכע איז געשטאַנען ביים אויוון, בין איך בשלום דורכגעגאַנגען און אַריין אין קאַמער, און ערשט דאָרטן האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ קוואַל מיט

טרערן, איך האָב געפילט ווי עס רייסן זיך די טרערן אין מיר ווי פון אַן אומדערשעפּלעכן קוואַל, איך האָב געפילט ווי עס בייטן זיך די קאָלירן אין מיין פּנים.

איך האָב דאָס רעקל אַריינגעשפּאַרט צווישן די זאַכן, און אַליין האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט, איינגעגנורעט דעם קאָפּ אין קישן און שטיל געוויינט.

דערווייַלע איז אָנגעקומען דער טאַטע, ניט ווילנדיק האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ קרעכץ, וועלכער האָט מיך, ווי איר וועט זען שפּעטער, געראַטעוועט גאָר אינגאַנצן.

דער טאַטע איז אַריין אין קאַמער, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיר און זיך צוגעהערט.

— ווער קרעכצט דאָ? — האָט ער געפרעגט. איך שווייג כלומרשט, און קרעכץ שוין אָפּטער. — „משהקע, דו קרעכצט דאָס? איך מאַך זיך שלאָפנדיק און ענטפער ניט.

— וואָס איז דיר משהקע? איך האָב שוין איצטער גע־מוזט ענטפערן, ווייל אַזוי האָב איך געפילט קומט אויס, אַז צום דריטן מאָל וועט זיך יעדערער אויפכאַפּן ווען מען וועקט. — „דער בויך טוט מיר ווי״...

— אָנגעפרעסן זיך מסתמא מיט וועלכע עס איז פּאַס־קודסטווע. — זאָל זיין אַזוי קלער איך, און קרעכץ אָפּטער. פּונקט ווי אַ חולה. דער טאַטע איז אַרויס און איז אין אַ ווײַלע אַרום געקומען מיט דער מאַמען.

— מסתמא האָסטו זיך שוין מרחם געווען אויף אים און געגעבן געלט, האָט ער זיך שוין אָנגעפרעסן מיט „דער רוח ווייסט וואָס״ — זאָגט דער טאַטע.

— ווער האָט אים געגעבן געלט? — האָט די מאַמע געענטפערט. — אַ גאַנצן טאָג האָב איך אים כמעט אין די אויגן ניט אָנגעזען...

ביי מיר אין האַרצן ווערט אַלץ גרינגער און ליכטיקער... כאָטש זיי שרייען איצט אַביסעלע, בייזערן זיך, אָבער מיר קומט אויס אַז זיי זיינען אַזוי צערטלעך, אַזוי גוט צו מיר.

— ווייז דעם צונג — רופט זיך אָן די מאַמע צו מיר.

איך ווייז איר דעם צונג, פאַרקרים זיך אַביסל אַזוי ווי מיר וואָלט געוועזן אַ מינוט צום אויסגיין.

— ריצנאייל ועסטו טרינקען?

— יאָ, ענטפער איך קרעכצנדיק.

— מסתמא זיך שוין גוט אָנגעפּאַקט — פאַרבעסערט די מאַמע, אַז ער וויל שוין טרינקען ריצנאייל...

די מאַמע איז אַוועק נאָך אַ גלאָז, געגעבן איינע פון די קינדער קליין געלט און געהייסן גיין קויפן ריצנאייל.

— פאַר וויפל, מאַמע? — האָט מיין שוועסטערל גע־פרעגט.

— פאַר צען קאָפּעקעס וועט גענוג זיין, אין קראָם קען מען שוין ניט קריגן, דאָרטן וואָלט געוועזן גענוג פאַר פינף, איצטער גיי אין אַפּטייק. — „גוט, קלער איך, כאָטש וואָס פון אַפּטייק, ס'איז ניט אַזוי געדיכט און בלאָטיק...".

די מאַמע איז ווידעראַמאָל אַריין צו מיר. איך האָב גענומען רייבן די נאָז פון די טרערן, וועלכע האָבן זיך פריער אַראָפּגעקייקלט... און מיר געביסן די נאָז...

— שפּאַרט דיר ניט אונטער דעם האַרצן? — פרעגט די מאַמע.

— עס שפּאַרט זייער, ענטפער איך.

— ווערים מוזן עס זיין, ס׳בייסט דיר די נאָז? האַ?

— יאָ, ענטפער איך און קראַץ שוין די נאָז, כאָטש מער בייסט מיר ניט.

— סוף חודש — רופט זיך אָפּ די מאַמע, דאָס רוב האָבן ווערים אין סוף חודש.

— איך בין אַ געראַטעוועטער! — קלער איך ביי זיך, כ׳וועל שוין ליגן די פּאָר טעג יום־טוב.

— ווייסט וואָס — רופט זיך אָפּ די מאַמע צום טאַטן! מען דאַרף אים געבן אַביסעלע גאַזע איינגעמען, דאָס איז גוט צו ווערים, און אונטערשמירן דאָס לעפּעלע מיט טער־פּענטין.

אָט אַזוי בין איך אָפּגעלעגן צוויי טעג. דעם צווייטן טאָג בין איך שוין טאַקע געווען אויף אַן אמת קראַנק, פון די פאַרשידענע מעדיקאַנטן האָט מיר געקערט ברעכן, און די מאַמע איז נאָך געווען מער איבערצייגט אין איר דיאַגנאָז.

נאָך יום־טוב איז דער טאַטע ווידער אַוועקגעפאָרן, און ניט אויף יעדן שבת פלעגט ער קומען, דאָס רוב פלעגט ער יאָ קומען אַלע חודש, דאַן טאַקע ווען ביי מיר זיינען די ווערים געווען, און איך פלעג שוין פאַרשפּאָרן צו גיין מיט אים אין שול.

איז דער טאַטע ניט געווען, האָט די מאַמע מיר קיינמאָל ניט געהייסן זיך אָנטאָן; זי פלעגט מיך באַטראַכטן אַלס מער מענטש, מיט שכל: שוין מער ניט אַזאַ שטיפער...

און אַזוי האָב איך זיך טאַקע אָפּגעמאַטערט גאַנץ אָפּט, אָבער די גאַנצע צייט האָב איך דאָס רעקל קיינמאָל ניט אָנגעטאָן, און דאָך האָט קיינער אין הויז ניט געוווּסט דעם סוד וואָס ליגט טיף אין האַרצן ביי מיר באַהאַלטן.

ווי אַזוי דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן איז טאַקע אַ גרויסער נס. אַ מזלדיקער בין איך אפילו פון לאַנג אָן, אין חדר אויסדרייען זיך פון שמיץ, און דעם חלק אַוועק־שענקען גאָר אַן אומשולדיקן, און אומעטום ווי איך פלעג זיך נאָר קערן און ווענדן, איז עטוואָס אַ צרה, בין איך געווען מזלדיק.

נאָר איינמאָל, אַז דער טאַטע איז געקומען אַהיים, און מען האָט גערעדט וועגן מאַכן זיך נייע בגדים, האָב איך אויך, אַרונטערלאָזנדיק די אויגן, געזאָגט, אַז מיין קאַפּאָט־קעלע איז שוין אויך צעריסן און מען זאָל מיר אויך עט־וואָס מאַכן.

— ווי עס ווערט אויף אים פאַרברענט! — האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן: נאָך קיין האַלב יאָר ניטאָ און שוין צעריסן...

נאָר דאָס איז שוין געווען אין אַן אַנדערן טאָן, מער אַ מילדערער, ווי איך בין געווען צוגעוווינט צו הערן פון מיין טאַטן...

און ביז דעם היינטיקן טאָג האָב איך געהאַלטן דאָס אַלס אַ סוד. היינט צום ערשטן מאָל, זאָג איך דעם סוד אויס.

לאַנגווייליק

(מאָנאָלאָג)

אָ, ווי לאַנגווייליק! יאָרן, דוכט זיך מיר, זיץ איך דאָ... יעדע מינוט איז אַ שטונדע, נאָך לענגער — אַ גאַנצער טאָג... איך קען נאָך אויפן טאָג דאָס ניט מעסטן, קיין באַ־שטימטע צייט דריקט די לאַנגווייליקייט ניט אויס.. אומ־ענדלעך איז זי, די לאַנגווייליקייט...

איך זיץ אין שאַפּ ביי דער מאַשין און אַרבעט, אַנטקעגן מיר שטייט דער זייגער, יעדע מינוט כאַפּ איך אַ קוק — אָבער די ווייזערס רירן זיך ניט פון אָרט... אפשר שטייט דער זייגער?

אָבער איך זע דאָך, ווי דער פּאָמפּעדיקל באַוועגט זיך... איך זע ווי דער מינוטניק רירט זיך... און מיר איז אַזוי הייס, איך פיל ווי דאָס בלוט האָט אָנגעפאַנגען צו זידן אין מיר און איבערלויפן מיר אין פּנים אַריין.

איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן.

איך פאַרגראָב זיך אין מאַשין, לאָז אָפּ דאָס רעדל, און ניי; דאָס רעדל לויפט, שיפּעט, די נאָדל באַוועגט זיך שנעל, פשוט ניט אָנצומערקן ווי שנעל זי לויפט. איך וויל זיך פאַרטיפן אין דער אַרבעט.

אַ גוטער מיטל אָוועקצושטופּן די צייט.

אָבער איך קען ניט, איך קען מיינע געדאַנקען וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט לאַנגווייליקייט, ניט אַריינטאָן אין דער מאַשין, אין דער אַרבעט. די לאַנגווייליקייט לאָזט מיר

ניט פֿאַרטיפֿן זיך, איך קוק ווידער אויפֿן זייגער. ער שטייט אויף דער זעלבער צייט, קיין ריר ניט ווייטער.

דער פּאָמפּעדיקל אָבער באַוועגט זיך...

דער מינוטניק דרייט זיך. איך ווייס גאַנץ גוט ביי זיך אַז דער זייגער גייט, און די צייט איז ריכטיק.

שאַ, איך האָב נאָך אַ מיטל ווי אַזוי צו פֿאַרטרייבן די צייט. איך וועל ציילן. זעכציק מאָל, אַז איך צייל אָפּ איז אַ מינוט. דריי טויזנט מיט זעקס הונדערט מאָל איז אַ שעה. און ווען איך צייל אָפּ פֿערצן טויזנט מאָל בין איך אינגאַנצן פֿריי. אַ גוטער איינפֿאַל.

ווען איך וועל ציילן, וועל איך ניט מערקן ווי די צייט וועט אַוועקגיין. דער אינטערעס פֿון וועלן שנעל ציילן וועט פֿאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט. איך צייל.

איינס, צוויי, דריי, פֿיר... הונדערט, האַ, איך האָב זיך צעטומלט ביי דעם פֿינפֿטן הונדערט, איך האָב אַ טעות געהאַט וויפֿל איך זאָל רעכענען. האָב פֿאַרציילט?

איך וועל רעכענען פֿינף הונדערט אָפּגעציילט ביז איצט. ניין, זעקס הונדערט. טויזנט אפֿשר? געוויס, טויזנט, אַזאַ לאַנגע צייט געטראַכט. איך וועל אָנפֿאַנגען איבער אַ נייס... אַ שטונדע איז שוין סיי־ווי־סיי אַריבער... איבער אַ נייעס וועל איך ציילן...

איינס, צוויי, דריי.

איך בין שוין מיד ציילנדיק מיט די ליפּן, איך וועל נאָר ציילן אין די געדאַנקען, איינס, צוויי, דריי, פֿיר, פֿינף... אָבער איך צעטומל זיך ווידער, איך וועל מער אינגאַנצן ניט ציילן.



אויפֿן זייגער וועל איך אויך מער ניט קוקן איצט, עס זיינען געוויס שוין אַריבער אַ פּאָר שעה... אָבער די לאַנג־ווייליקייט לאָזט מיך ווידער ניט רוען, זי כאַפּט מיך אַרום פֿון דאָס ניי, איך מוז זוכן אַן אַנדער מיטל, ווי אַזוי צו פֿאַרטרייבן די צייט. שאַ, איך האָב עס. איך וועל בעסער נאָר ציילן די אַרבעט. אין אַ שעה מאַך איך אַ טוץ אַרבל. איך וועל אָפּציילן פֿיר טוצן ניט קיין פֿאַרטיקע אַרבל, און אַז איך וועל זיי פֿאַרטיק מאַכן בין איך דאַן פֿריי. אַ גוטער געדאַנק.

איך צייל אָפּ אַכט־און־פֿערציק ניט קיין פֿאַרטיקע אַרבל, לייג זיי אַוועק לעבן זיך. איך טרייב די מאַשין און איך צייל... צוויי שוין פֿאַרטיק... דריי... פֿיר. געוויס דריי שעה שוין אַריבער... אין דעם פֿיל איך זיכער, פֿריער האָב איך גע־ציילט די מינוטן און איצט צייל איך די אַרבל... עס וועט ניט נעמען לאַנג צו זיצן ביי דער מאַשין, געוויס מער ניט ווי אַ שעה!

איין שעה און באַלד בין איך אַ פֿרייער מענטש, ניט שווער אָפּצופּטרן אַ שעה... זעכציק מינוט.

איך וועל די איינציקע שעה אויך ניט קוקן אויפֿן זייגער, איך וועל ניט טרייבן אַזוי שנעל מיט דער אַרבעט, פֿאַר־מעלעך וועל איך אַרבעטן. איך האָב זיך ניט וואָס צו איילן, איך אַרבעט דאָך פֿון וואָך...

ווי אַזוי פּטרט מען אָבער אָפּ די איינציקע שעה? איך וועל גאָר גיין אַ טרונק טאָן. דאָס גיין און דאָס קומען צוריק וועט אויך נעמען אַ היבש ביסל צייט.

שאַ! איך וועל גאָר אָנפֿאַנגען עטוואָס צו דענקען, איך וועל עפּעס אַריינגעמען אין פֿאַנטאַזיע און איך וועל פֿאַנ־

טאַזירן. איך הייב אָן זיך דערמאָנען דאָס רוסישע לעבן... דערמאָנען זיך ווי אַזוי איך האָב מיין יוגנט דאָרט פאַר־בראַכט...

גאַנץ אָפט האָט דאָס דענקען ביי מיר צוגענומען אַביסל צייט... אפשר גאָר פּרובירן, אויסרעכענען וויפל איך בין אַלט, דאָס וועט אויך פאַרנעמען אַ שטיק צייט.

אַ גוטער איינפאַל דער לעצטער!

איך פּרווו פאַנטאַזירן, רעכענען אָבער קען איך ניט, ווי עפּעס זאָל זיצן ביי מיר אין קאָפּ און ניט לאָזן...

די לאַנגווייליקייט צעשטערט מיר אַלע מיינע געדאַנקען...

איך וועל גיין טרינקען, טריט ביי טריט, איך וועל לאָזן דאָס וואַסער לויפן פון קראַן, קיינער וועט ניט באַמערקן וואָס איך טו דאָרטן. נאָכן טרינקען וועל איך ערשט אַ קוק טאָן אויפן זייגער.

כאָטש עטלעכע מינוטן זיין פריי.

איך האָב שוין געטרונקען, איך וועל אַ קוק טאָן אויפן זייגער, אָבער איך קען ניט, דאָס האַרץ דערלאָזט מיך ניט, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבן מיך אָפּנאַרן...

אין האַרצן ביי זיך פיל איך, אַז איך נאַר זיך אַליין, איך ווייס אַז עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך אַליין אָפּגענאַרט, און שרעקלעך ווערט מיר ביי דעם געדאַנק, אַז אויך איצט וועט מיך דער זייגער אָפּנאַרן, וואָס וועל איך דאַן טאָן? איך פיל, אַז איך קען שוין לענגער דאָ ניט זיצן, איך וועל אויסגיין, אויב איך וועל דאָ זיצן

לענגער, עס איז מיר אַזוי שלעכט, אין האַרצן קלאַפּט ווי מיט האַמערס, שוויס באַגיסט מיין פּנים, די אויגן ווערן באַצויגן אַזוי ווי מיט אַ טומאַן, אַזוי ווי מיט אַ לייוונט, איך פיל אויף זיך אַן אומדערטרעגלעכע משא, אַ טויזנט פּודיקע שווערקייט, און אייביק, דוכט מיר, וועט דאָס אַזוי אָנ־האַלטן... און איך קען זיך ניט העלפן, איך קען ניט אַנט־לויפן. אָבער וואָס קלער איך, דאָס מאָל וועל איך ניט אָפּנאַרן, עס איז שוין געוויס שפּעט, אין דרויסן איז שוין דאַכט זיך פינצטער, און וואָס ווייטער דאַכט מיר ווערט פינצטערער. ווען איך וואָלט געציילט ביז איצט, וואָלט איך שוין לאַנג אַריינגעציילט ביז צען טויזנט, דערצו נאָך האָב איך שוין פּאַרטיק צוויי טוץ אַרבל...

היינט די צייט פון גיין טרינקען וואַסער, און דאָס בי־סעלע פאַנטאַזירן...

אַ האַלבע שעה איז אַריבער פון מיטאָג, ווען די לאַנג־ווייליקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט...

און נאָכדעם האָב איך ווידער געציילט...

ניין, איצט נאַר איך זיך געוויס ניט אָפּ, אפשר האָב איך אַ טעות אין מינוטן, אָבער ניט מער.

נאָך אַביסל וועל איך וואַרטן, און דאַן מוז איך אַ קוק טאָן אויפן זייגער, מער ווי איין שעה וועל איך זיכער ניט דאַרפן וואַרטן לענגער.

עס פעלט מיר איין אַ שפּאָגל נייער געדאַנק.

איך וועל אַ קוק טאָן אויפן זייגער, אָבער ניט דאָרט, ווו איך זיץ, איך וועל אַוועקגיין צו דער צווייטער זייט פון דער פאַבריק, און פון דאָרטן וועל איך אַהער קוקן,

איך ווייס ביי זיך אַז פון דאָרטן זעט זיך גאָר ניט גוט, אָבער דאָס איז, וואָס איך וויל, איך וויל ניט זען ריכטיק, איך פיל אַז דער פּלוצלונגער דערזען וועט מיר קאָסטן געזונט.

איך וועל שוין דערקענען אויב עס איז ניט קיין סך צו וואַרטן. און אויב ניט, וועל איך שוין מער ניט קוקן אויפן גזלן, דעם זייגער.

איך וועל דאַן וואַרטן אויפן פאַבריק־פייף...

און די לאַנגווייליקייט גראָבט זיך טיפער אין מיין האַרצן, איך פיל ווי זי טאָטשעט מיין בלוט, מיין קאָפּ... איך בין ווי צעמישט. ניין, ניין, איך טאָר אויפן זייגער ניט קוקן.

איך וועל גאָר פּרובירן זיך צוהערן צום גערויש פון פאַבריק. צו דער משונהדיקער קלאַפּעריי פון די מאַשינעס.

טק־טק־טק־טק... איך וועל גאָר זינגען אַרבעטנדיק, עס איז אַזוי גוט צו זינגען, ווען מען זיצט ביי דער מאַשין, איך וועל שטיל, גאַנץ שטיל, פאַר זיך ציען די טענער.

״פּא סינים וואלנאם אקעאנא...״

ווי גוט עס איז, מיר דאַכט זיך, אַז איך פיל ניט אַזוי די לאַנגווייליקייט.

אין האַרצן ווערט מיר אַזוי וואַרעם, אַזוי זיס...

„קאָראַבל נעסיאָטסיאַ אָדינאָקי...״

טייערע ווערטער, עס זינגט זיך און עס טרוימט זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב שוין איבער צוויי טוצן אַרבל. איך וועל זיי גאָר פּרובירן ציילן. איך וועל זיי פריער ציילן איינציקווייז,

נאָכדעם פֿאַר־ווײַז, און שפּעטער צו דרײַ און פֿיר... נאָכן אָפּצײלן די אַרבל, וועל איך אָפּצײלן בײַ זיך אין געדאַנק פֿון אײנס ביז טױזנט. און וועל גײן נעמען ווידער אַ טרונק וואַסער.

און נאָך צװײ אַרבל מאַכן... און איך בין פֿאַרטיק מיט דער גאַנצער שעה; דאָס וועט נאָך נעמען מער ווי אַ שעה, אָבער איך וועל זיך אונטעראײַלן, גיך וועל איך דאָס אַלץ מאַכן.

פֿריער וועל איך אָפּצײלן טױזנט...

אײנס... צװײ... דרײַ... פֿיר... פֿינף הונדערט.... די אַרבל זײַנען אויך שוין פֿאַרטיק.

איצט וועל איך אויף גיך גײן כאַפּן אַ טרונק וואַסער, אויף גיך, ווײַל עס קען זײַן, אַז אין מיטן גײן זאָל דער פֿאַבריק־פֿײַף אָנפֿאַנגען, אָבער דאָס וועט מיך ניט אַרן, וועט דויערן נאָך אַ רגע, אָבער פֿרײַ וועל איך זײַן, ווי גוט, ווי גוט מיר וועט זײַן...

איך שטרענג אָן מײַנע אויערן צו הערן דעם פֿײַף, אָבער איך הער גאָר ניט, וואָס קען דאָס זײַן, אפֿשר נאָך צװײ מינוט, איך וועל איצט סײ ווי סײ אַ קוק טאָן. איך קען שוין לענגער ניט בלײַבן גלײַכגילטיק און ניט קוקן אויפֿן זײגער...

איך וועל אָבער גלײַך ניט אַ קוק טאָן.

איך וועל פֿאַרזשמורען די אויגן, כּדי איך זאָל ניט מיט־אַמאָל דערזען.

איך וועל מײַן האַנט צוזאַמענלײגן אין אַ פֿויסט און דורכן פֿויסט וועל איך כאַפּן אַ קוק; פֿריער וועל איך קוקן

אויפן האָלץ פון זייגער, נאָכדעם אויפן פּאָמפּעדיקל, שפּע־טער אויפן מינוטניק און גאָר צום לעצט וועל איך אַ קוק טאָן אויפן זייגער. איך זע: אָט איז דער זייגער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז מיר שלעכט, דאָס בלוט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין פּנים, איך פיל אַז דאָס פּנים פלאַקערט מיר, אַ שוויס האָט באַגאָסן מיין גאַנצן קערפּער, איך קען ניט איינזיצן אויפן שטול, עס איז מיר האַרט, אין די אויגן ווערט מיר אַלץ פינצטערער, איך זע באַלד ניט די מאַשין, אַלץ ווערט איינגעוויקלט אין אַ שרעקלעכן טומאַן, די לאַנגווייליקייט איז פאַר מיר אַ מין אייביקייט, אייביק, דאַכט מיר, וועל איך דאָ אַזוי זיצן, אומענדלעך אייביק. עס דאַכט מיר, אַז קיינמאָל וועט קיין סוף ניט נעמען.

שוידערלעך, שוידערלעך! ערשט האַלב נאָך צוויי!...

ווי קען דאָס זיין? אפשר שטייט גאָר דער זייגער?

אָבער איך זע דאָך פּאָרט ווי דער פּאָמפּעדיקל באַ־וועגט זיך.

דער מינוטניק רירט זיך.

און די צייט שטייט אויף איין אָרט.

ערשט האַלב נאָך צוויי!

וועל איך ווען זיין פריי?

אָ, ווי לאַנגווייליק, שרעקלעך לאַנגווייליק.

אינהאַלט

זייט

אברהם שיינוק פון איטשע גאָלדבערג 7

א

אותעלעך 13

זיגזאַג 14

אונדזערע לידער 15

די נאַכט און דער דיכטער 16

אַ ליד 17

אַ תפילה 18

צו אַ פאַבל־שרייבער 21

דו פרעגסט 22

עס האַט... 23

ליד 24

מיין מוזע 27

צו דער מעלאַנכאָליע 28

ב

אויף דיין האַרצן... 31

אומדערוואַרט 32

קאָנקורענץ 35

ליבע־לשון 37

זייט

ווען איך קום...	38
יוגנט	41
קען איך...	42
דער אייביקער דועט	45
וויינט מיין געליבטע	46
מאַן און ווייב	49
אַרויס איז זי פון זיין געדאַנק...	53
אַ בריוועלע	54
לילית	58
טעג	59
עלנט	60
די נאַכט	64

ג

פּראָסטער ליים	67
פאַנטאַזיע	68
דער פויגל	70
פון אַלע ליבע	73
איך זאָג ניט	74
איר האָט	75
האַרץ און בלומען	76
מיין פרילינג	78

זייט

אַ חלום	79
צום פּאַיאַץ	80
צו די שטערן	83
דער קמצן	84
צינד אָן, גאָט	87
עס וואַכט אויף	88
האָב איך	91
דו האָסט	92

ד

ביים אויוועלע	95
רב מענדל ירוחמ׳ס	98
סענדער די באָנדע פּוסטע פּעסל (בילד)	101
אַ ליטוואַק	102

ה

צו פּוילן	107
איך פּאַרדעכטיק איצט מיין שכן	108
ווען דו	109
הענט פאַרלאַנגט	110
אונדזער וועלט	113
דער נייער גייסט	114
אַמאָל	115

זייט

ו

פאַר מיין אָפּפאָרן 119
ניו־יאָרק 120
זון־אונטערגאַנג 123
וועוועריקעס 124

ז

דערציילונגען

מיין מאַמע 131
זי (סקיצע) 137
חיימקע 147
אַ שטאַרקער קאָנקורענט 154
אויסגעדרייט זיך 165
לאַנגווייליק (מאָנאָלאָג) 181

PRINTED IN FRANCE
BY EDITIONS POLYGLOTTES
232, RUE DE CHARENTON
PARIS-12e